ב"ה

Including English

WEEKLY BOOKLET

# A TASTE

## of the Rebbe's Farbrengens

## פ' מטות־מסעי

Inside, you will find a small taste of each of the Rebbe's **35** farbrengens from שבת פ' מטות־מסעי
(and 10 that are available in English)

**Which will YOU learn?**

Issue No. 22 | יוצא לאור לש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז,
מבה"ח מנחם־אב, שבת חזק , ה'תשפ"ו

# Introduction:

The goal of this publication is to give you a small taste of the Rebbe's Farbrengens throughout the years. The Rebbe spent countless hours on Shabbos farbrenging with us, teaching us, guiding us, and uplifting us.

These farbrengens are preserved in thousands of pages, waiting to be learned and relived by every chossid today.

We hope this publication helps make the Rebbe's Farbrengens a part of your Shabbos.

This booklet is just a taste.
**One cannot become full from just a taste!**

Please share this with your friends and family

**May we be zoche to a new Farbrengen with the Rebbe himself, now!**

Please consider participating in the cost of printing the "Taste":
Visit taste.study/participate

נסדר ע״י דובער בן אסתר
A **berel.me** Project

לע״נ הרה״ח הרה״ת ר׳ יהודא ליב ב״ר חיים ברוך ע״ה אלעווסקי
ולע״נ הרה״ח הרה״ת ר׳ משה יהודא ב״ר צבי יוסף ע״ה קאטלארסקי

The parts of the date that are **Bold**, are the parts that match **this year’s kvius**.

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשי"ב** | |
| 2 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשי"ג | |
| 3 | **ש"פ** מטות | כ"ג | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשי"ד | |
| 4 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשט"ו** | |
| 5 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשט"ז | |
| 6 | **ש"פ** מסעי | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשי"ז | |
| 7 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשי"ט** | |
| 8 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תש"כ | |
| 9 | **ש"פ מטות־מסעי** | ב' | מנחם־אב | | תשכ"א | |
| 10 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשכ"ב** | |
| 11 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשכ"ג | |
| 12 | **ש"פ מטות־מסעי** | ב' | מנחם־אב | | תשכ"ה | |
| 13 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשכ"ו | |
| 14 | **ש"פ** מסעי | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשכ"ז | |
| 15 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשכ"ט** | |
| 16 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תש"ל | |
| 17 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשל"ב** | |
| 18 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשל"ג | |
| 19 | **ש"פ מטות־מסעי** | ר"ח | מנחם־אב | | תשל"ד | |
| 20 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשל"ה** | |
| 21 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשל"ו** | |
| 22 | **ש"פ מטות־מסעי** | ר"ח | מנחם־אב | | תשל"ז | |
| 23 | **מוצש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשל"ט** | E* |
| 24 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תש"מ | E |
| 25 | **ש"פ** מטות | כ"ג | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשמ"א | |
| 26 | **ש"פ** מסעי | ר"ח | מנחם־אב | | תשמ"א | |
| 27 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשמ"ב** | E |
| 28 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשמ"ג | E |
| 29 | **ש"פ** מסעי | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשד"מ | E |
| 30 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשמ"ו** | E |
| 31 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תשמ"ז | E |
| 32 | **ש"פ מטות־מסעי** | ב' | מנחם־אב | | תשמ"ח | |
| 33 | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשמ"ט** | E |
| 34 | **ש"פ מטות־מסעי** | כ"ח | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | תש"נ | E |
| 35 | **ש"פ מטות־מסעי** | ב' | מנחם־אב | | תנש"א | E |
| | **ש"פ מטות־מסעי** | **כ"ו** | **תמוז** | **מבה"ח מנחם־אב** | **תשפ”ו** | |

*E indicates that there is an English transcript of this Farbrengen. See the back of this booklet

אותי, איז מכ"ש אנדערע, ומכ"ש די וואס זיינען אין א זמן פון חשך כפול ומכופל, קאנען זיי א ודאי ניט וויסען אין וועלכען דרך זיי שטייען, און זיי מוזען אנקומען צו דעם עזר שלמעלה, אז דער אויבערשטער זאל זיי זאגן ויהין צו גיין.

ה. אויב מען וויל – אבער – אז דער אויבערשטער זאל אים ווייזען וויהין צו גיין, מוז ער אליין אויך טאהן אזוי.

מען מוז ארויסגיין אין א פרשת דרכים, וואו עס שטייען אידען און ווייסען ניט אויף וועלכער זייט צו גיין, דארף ער גיין צו זיי און שרייען: מקלט, מקלט, גיין צום רעכטן זייט וואס פירט קיין מקלט, דארטען איז א מקלט פון גואל הדם, פון דעם שטן וואס יורד ומקטרג עולה ומסטין, און גייט ניט ח"ו אין דער לינקער זייט וואס פירט אין שאול ואבדון.

און דאס איז א תפקיד וואס ליגט אויף יעדער איינעם, אוועקשטעלן זיך אויף א פרשת דרכים און שרייען מקלט מקלט, ווייזען די וועג ויהין מען דארף גיין. און הגם אז דורך דעם וועט ער זיך געפינען די גאנצע צייט אויפן פרשת דרכים, אין א ארט וואס דארטן איז דא א וועג וואס פירט אויך אין לינקער זייט, פונדעסטוועגען זאל ער ניט נתפעל ווערן, ווארום דוקא דורך דעם, פירט ער אוים דעם תפקיד וואס ליגט אויף אים.

כמאמר הבעש"ט בשם ר' מרדכי הצדיק: א נשמה מאטערט זיך אפ אויף דער וועלט זיבעציק אכטציק יאהר, צוליב טאהן א אידען איין מאל א טובה אין גשמיות ובפרט אין רוחניות. איז דאך כדאי שטיין די גאנצע צייט אויף א פרשת דרכים, כדי צו ווייזען איין מאל א אידן די וועג וואס פירט קיין מקלט.

ו. און דאס איז די וועג וואס דורך דעם וועט אים ווייזען דער אויבערשטער די וועג וואס פירט צו חיים וטוב.

בשעת ער וועט קומען אויף א פרשת דרכים און אוועקשטעלן זיך ווי א סאיין און שרייען מקלט מקלט,


בלתי מוגה

Click here or scan
to download this farbrengen
13 pages

This year's קביעות!

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ח תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשי"ג

באנוגענט מען זיך אן דעם.

אז עס קומט צו עסן, איז אין דער היים האט ער כל המיני מטעמים מיט משרתים וואס דערלאנגען אים אלץ, אייך משרת שטייט מיט א גאפל און דערלאנגט אים מאכלי גוש און דער צווייטער מיט א לעפל און דערלאנגט שיטערע מאכלים, אבער פארענדיק אין וועג, איז דאך שווער צו מיטנעמען די משרתים מיט די גאנצע קיך, די פליישיגע מיט די מילכיגע, מיט די קעכערס, במילא מוז ער זיך מסתפק זיין אן דעם.

אזוי איז אויך אין לבושים, איז אין דער היים האט ער א סאך סוטס, א זומערדיגן און א ווינטערדיקן, א וואכעדיקן און א שבת׳דיקן, אויף אינדערפריא, אויף באייטאג און אויף באיינאכט, און אלע האלבע שעה טוהט ער זיך איבער, און די לבושים זיינען אלע צוגעפאסט, דער טאיי צו די זאקן, די זאקן צום נאז און דער נאז צו די האר, אבער אין וועג, קאן ער ניט מיטנעמען דאס, באגייט ער זיך אן דעם.

און אז מען פרעגט אים, הער! ווי פאסט עס פאר דיר, אזוי צו עסן, צו שלאפן, צו גייך אנגעטאן, עפעס אזוי פראסט? ענפערט ער, אין דער היים האב איך טאקע אלע זאכן, נאר דא בין איך דאך אין וועג, און דאס איז גאר קיין פחיתות ניט און קיין בושה ניט, ווארום אלע ווייסן דאך אז ער איז אין וועג. די איינציקע זאך וואס ער נעמט מיט זיך מיט, איז א טשעק בוך, עס פארנעמט ניט קיין סאך ארט, בכדי אז וואס ער וועט דארפן זאל ער קאנען קריגען.

די זעלבע זאך איז בשעת א איד קלאגט זיך אויף בני חיי ומזוני, דארף ער וויסן אז איצטער איז מערניט ווי א נסיעה, ובמילא דארף ער זיך ניט קלאגן פארוואס איז ער ניט אזוי ווי ראקעפעללער, ווארום דאס איז אזוי ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט, אז בא זיי איז מערניט ווי איין עולם, אבער בא אונדז איז דא צוויי עולמות, בא זיי איז מער ווי עוה"ז ניטא, עוה"ז איז זייער היים, במילא איז אם לא עכשיו אמתי, אבער בא אונדז איז פראן צוויי עולמות, עוה"ז איז מערניט ווי א נסיעה, ניט דאס איז אונדזער היים, און עס דארף זיין, עולמך תראה בחייך.

איך ביהמ"ק איז טאקע יעדער זאך געווען נוגע, עפעס א קנייטש אין די לבושים פון כהן גדול האט ניט געטייגט, ווארום דאס איז דאך דער כה"ג אין ביהמ"ק, דארף אלץ קלינגען שיין, עס זאל זיין ונשמע קולו בביה"ק, אבער איצטער בזה"ג מאכט דאס ניט אויס, און עס איז גאר קיין פחיתות ניט, ווארום עס איז דאך א נסיעה.

Click here or scan
to download this farbrengen
11 pages

בלתי מוגה

# ש"פ מטות, כ"ג תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשי"ד

געענטפערט, אז אפילו אויב אלע שבת מאכט דאס ניט אויס אזוי שטארק, אבער דעם שבת, וויבאלד עס קאן זיך אימעצן, אדער אים אליין, אויסדוכטן אז דאס איז מצד האבילות, וואס מען טאר ניט שבת, איז דעם שבת זאל ער ניט גיין מיט שטעק שיך.

עס איז פאראן אזוינע וואס אלע שבת מברכים גייען זיי ארום מיט מחשבות אדער זיי זיינען במרירות אדער פשוט אין עצבות, איז יעדער שבת מברכים פאראן אויף זיי א לימוד זכות, זיי זיינען ניט אויסגעשלאפן, פארמאטערט, פויל, והדומה, דער שבת מברכים קומט צו נאך א לימוד זכות אז דאס איז מצד די דריי וואכן.

איז אזוי ווי דער עניין פון די דריי וואכן דארף ניט זיין בשבת, כידוע אז אין געוויסע מדינות וואס מען האט געזאגט לכה דודי מיטן ניגון פון תשעה באב איז געוועען גזירות אויף די מדינות, איז אפילו אויב אלע שבת מברכים מאכט דאס ניט אויס אזוי שטארק, איז אבער דעם שבת מברכים, דארף נאך זיין די שמחה מיט א תוספות, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז שב"מ זאל זיין א פריילעכן שבת, איז היינטיקן שבת מברכים, בכדי עס זאל ניט זיין קיינע חששות, דארף נאך זיין די שמחה מיט א תוספות.

**אזוי ווי עס איז פאראן א ניגון אויף דעם פסוק וכל קרני רשעים אגדע תרוממנה קרנות צדיק, און דער ניגון איז ווייט פון עצבות און אפילו פון מרירות, און דער פסוק איז דאך דעם רבי'נס קאפיטל, פון דעם יאר, זאל מען זאגן דעם ניגון וכל קרני רשעים אגדע גו'.**

ח. מען גייט דאך איצטער צו פרשת ואלה מסעי, אין לקו"ת פרעגט ער א קשיא, אויף דעם וואס עס שטייט מסעי לשון רבים, און ער זאגט ווייטער אשר יצאו בנ"י מארץ מצרים, פרעגט ער פון מצרים איז דאך געוועען מערניט ווי איין מסע, די מסע פון רעמסס קיין סוכות, אבער די שפעטערדיקע מסעות איז דאך שוין ניט אשר יצאו מארץ מצרים, איז וואס זאגט ער מסעי לשון רבים? ענטפערט ער אין לקו"ת אז אלע מסעות ביז ירדן ירחו, וואס דאס איז ביאת הארץ, איז ביז מען קומט צו צום תכלית, איז דאס אלץ מצרים.

אין מצרים איז פאראן אסאך מדריגות, מצרים דלעו"ז ומצרים דקדושה, און אז מען שטעלט זיך אפ אויף אן ארט, וואו דער ארט זאל ניט זיין און מען גייט ניט ווייטער געפינט מען זיך אין מצרים, ווארום הגם ער איז אפגעפארן אזוי פיל, איז ער נאך אלס אין מצרים, ווי מען פלעגט אמאל זאגן אויף א זייגער, אז ער גייט און ער רירט זיך ניט פון ארט.

עס איז דאך ימים יוצרו ולא אחד בהם, דער אויבערשטער גיט א מענטשן באשטימטע טעג, וואס אין יעדער טאג דארף ער עפעס אויפטאן. ער גיט אים ניט קיין איין טאג מער און קיין איין טאג ווייניקער, נאר ער גיט א באשטימטע מאס טעג, אז

בלתי מוגה

Click here or scan
to download this farbrengen
8 pages

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשט"ו

אז אויך בשעת מען האט שוין גע'פועל'ט בא זיך א עבודה שלמעלה מטעם ודעת, למעלה ממדידה והגבלה, וואס דערמיט איז מען ארויס אויך פון מצרים דקדושה, איז דאס נאך ניט מספיק, ווארום לגבי העכער איז דאס נאך אלץ מצרים, במילא דארף מען ווייטער ארבעטן און ווייטער ארבעטן, אן א אפשטעל.

ובכדי צו פארשטיין דאס וועט מען עס פארשטיין מעניך עבודת התפלה, וואס דאס –עבודת התפלה– איז עבודת האדם, כידוע ההפרש בין תורה ותפלה אז תורה איז מלמעלה למטה און תפלה איז עבודת האדם מלמטה למעלה, א סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, וואס מען גייט מלמטה למעלה, ארויסגיין פון מקום המיצר למקום המרחב.

זעהט מען דאך אין תפלה אז ס'איז פאראן אין דעם כמה וכמה עליות, וואס מיט יעדער עלי' איז ער ארויס ממצבו הקדום, און פונדעסטוועגען איז דאס ניט מספיק, און מען דארף גיין העכער און העכער.

די ערשטע עבודה איז די הכנה צום דאווגען. ווארום אזוי ווי ער גייט דאך דאווגען צום אויבערשטן הבלתי בעל גבול ובלתי בעל תכלית, און ער – דער אדם – געפינט זיך דאך אין א גוף ונה"ב ובפרט כשמלוכלך ע"י החטא, איז ווי זאל ער זיך שטעלן דאווגען כעבדא קמי' מארי', איז במילא איז דאך באלד ווי ער שטעלט זיך דאווגען מוז ער זיך אויסטאן און אויסליידיקן פון אלע זיינע ענינים און פון זיין גאנצע מציאות, און שטעלן זיך דאווגען.

וואס דאס אליין, דער שטעלן זיך דאווגען, נאך איידער ער דאוונט, נאך איידער ער האט אנגעהייבן זאגן הודו, אדער מה טובו, נאר דאס אליין וואס ער טוהט אן דעם גארטל און שטעלט זיך דאווגען, דערמיט אליין גייט ער דאך ארויס פון אלע זיינע ענינים און ער ווערט מזוכך בתכלית. דאס הייסט אז ער גייט ארויס פון אלע זיינע מצרים וגבולים.

– דערמיט וועט מען אויך פארשטיין וואס עס שטייט אויך אין נגלה אז קודם התפלה יפנה ויטול ידיו. יפנה מיינט ארויסנעמען פון זיך די פסולת שבגלוי ושבפנימיות. נאך דעם איז יטול ידיו, ארויסנעמען די טומאה, וואס ס'איז נאר א ענין פון מקיף, אין פנימיות איז דא גארנישט דא (וע"ד מ"ש הרמב"ם חוקה חקקתי גזירה גזרתי, והיינו שענין הטומאה איז דא גאר ניטא קיין פסולת וואס מען זאל קענען אנזעהן עס איז מערניט ווי א ענין פון חוקה חקקתי גו') איז אויך פון דעם דארף מען פטור ווערן קודם התפלה –

פונדעסטוועגען אליין איז דערמיט איז ער נאך ניט יוצא, נאר ערשט יעמולט דארף ער זיך שטעלן דאווגען, אנהייבן זאגן הודו, וואס דערמיט גייט ער ארויס אויך פון דער מציאות ווי ער שטייט אחרי הכנתו לתפלה, וואס לגבי העכער איז דאס נאך א מיצר וגבול, גייט ער ארויס פון דעם מיצר אל מקום המרחב.

און אזוי איז אויך אין תפלה גופא איז דאך פאראן כמה וכמה עליות, וואס בכללות טיילט זיך דאס אויף ד' שליבות, וואס

Click here or scan
to download this farbrengen
7 pages

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ח תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשט"ז

וואס עס ווערט מער דער צוטראג צו דער גאולה העתידה, איז אלץ וואס נעענטער צו משיח'ן ווערט דער גלות אלץ שטארקער.

ה. עפי"ז וועט מען פארשטיין דאס וואס עס שטייט אין מדרש אז בשעת זיי זיינען אריין אין קדה"ק האבן זיי געזען די כרובים כמער אשה ולאות, ווארום דער גאנצער ענין הגלות איז דאס נאר בחיצוניות אין סדר ההשתלשלות, אבער ווי דאס איז אין פנימיות, איז דאס תכלית הגילוי, דערפאר איז אין קדה"ק, דער ארט פון פנימיות, דארטן איז געווען דער מעמד הכרובים פניהם איש אל אחיו, ווארום אין פנימיות איז עס א עת רצון כנ"ל.

און דאס איז אויך דער טעם אז בשעת ברית בין הבתרים האט זיך גערעדט וועגן גלות, ווארום אין פנימיות איז דאס א ענין פון תכלית הגילוי, דאס הייסט אז בשעת ברית בין הבתרים, בעת עס האט מאיר געווען די אהבה עצמית, איז געווען די בשורה אויף די גילויים פון דער גאולה העתידה, איז ווי דאס איז ארויסגעקומען אין סדר ההשתלשלות, איז דאס א ענין פון גלות.

ו. די הוראה פון דעם אין עבודה איז:

**ניט קוקנדיק אויפן חושך הגלות אז וואס ווייטער ווערט דער גלות אלץ שטארקער און שטארקער ביז אז המלכות תהפך למינות, וואס ס'איז נאך קיינמאל ניט געווען אזא חושך, פונדעסטוועגן דארף מען ניט נתפעל ווערן, ווי סנדיק אז אלץ וואס דער חושך איז גרעסער איז דאס מצד דעם וואס מען ווערט נעענטער צום אור הגאולה.**

**ובכדי אויך אראפטראגן דעם אור הגאולה בפועל דא למטה צום מקבל, פאדערט זיך ביי דעם תלמיד צוויי ענינים: א) די ידיעה ער זאל וויסן אז דער העלם וסילוק איז דאס נאר אין חיצוניות אבער אין פנימיות. איז דאס תכלית הגילוי. ב) די התקשרות וצמאון צום רב פון אים אפגעטראגן, פונדעסטוועגן דארף דער תלמיד שטיין מיט א התקשרות וצמאון צום רב אזוי ווי בשעת ההשפעה, און נאכמערער, אזוי ווי דער אלטער רבי פלעגט זאגן בשעת דביקותו: מי לי בשמים כו', וואס דורכדעם צמאון ווערט נמשך דער גילוי אור חדש צום מקבל בהגאולה העתידה במהרה בימינו.**

**כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה לנגן הניגון צמאה לך נפשי, והניגון אבינו מלכנו. אח"כ צוה לנגן ניגון קודם דא"ח ואמר את המאמר ד"ה שירו להוי' שיר חדש.**

ז. היינט גייט דאך מחוברים מטות ומסעי, אין פ' מטות רעדט זיך וועגן נדרים, און וועגן עוקר זיין א נדר, וואס דאס (עוקר זיין א נדר) איז דורך דריי אופנים: דורך א חכם שעוקר את הנדר למפרע, דורך א אב און דורך א בעל, וואס זיינען עוקר את הנדר מכאן ולהבא.

אין א בעל גופא איז פאראן צוויי זמנים: א ארוס און א בעל, דאס מיינט קודם הנישואין און אחרי הנישואין, וואס ביידע האבן דעם זכות פון הפרת נדרים, און ס'איז פאראן חלוקי דינים צווישן א ארוס מיט א בעל.

עפ"י שכל האט געדארפט אויסקומען אז א בעל האט מער כח פון א ארוס, ווארום דאס אלץ וואס ער האט געהאט קודם הנישואין האט ער אויך שפעטער, און צו דעם קומט אים צו אויך דאס וואס נישואין האבן געגעבן, פונדעסטוועגן געפינט מען אין דין, אז ס'איז דא א מעלה אין א ארוס (קודם הנישואין) אויף א בעל (אחרי הנישואין).

דער דין איז אז אין הבעל מיפר בקודמין, די נדרים וואס זי האט נודר געווען קודם הנישואין האבן זיי צום בעל קיין שייכות ניט, דאגעגן בא א ארוס איז דער דין אז הארוס מיפר בקודמין,

Click here or scan
to download this farbrengen
8 pages

בלתי מוגה

גם החסדים פנימיים יהיו בגילוי הרי המשכה זו נתחדשה עכשיו ע"י עבודתינו) וכמשל הידוע פון די רביים אז דאס איז כמו אוצר המונח בתיבה חתומה.

נאר אזוי ווי מען דארף דאך דאס ארויסטראגן בגילוי, אויף דעם איז דער ענין פון שבת מברכים מנחם אב, דשבת הוא מעין דלעתיד כנ"ל, וואס שבת מברכים איז מתברכין כל ימי החודש, אז דאס איז דער נתינת כח אויף עבודת הבירורים און מגלה זיין די גאולה העתידה במהרה בימינו.

ח. מען גייט דאך איצטער איבער צו פ׳ דברים און צו ספר דברים.

אויף ספר דברים שטייט אז משה כתבה מפי עצמו, לייגט צו תוספות – ברוה״ק הקודש. און הגם אז דאס איז דאך מפי עצמו, פונדעסטוועגן איז פאראן אין דעם ספר כמה וכמה ביאורים אויף די פריערדיקע פיר ספרים, וואס אן משנה תורה וואלט מען זיי־ניט געוואוסט, און אין משנה תורה איז פאראן די ביאורים אויף די ענינים פון פריער און אויך כמה חידושים.

די הוראה פון דעם איז: ס׳איז דאך אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא. ס׳איז פאראן אזוינע וואס טענה׳ן דייך מיט די ענינים וואס שטייען פריער און נאך וואס דארף מען אנקומען צו משה שבדורנו.

איז באמת שטייט אין מכילתא ע"פ ויאמינו בהוי׳ ובמשה עבדו. זאגט דער מכילתא אז די צוויי זאכן גייען צוזאמען. ווארום באמת איז דאס איין זאך. בשעת ס׳איז פאראן די אמונה אין משה עבדו איז פאראן די אמונה אין הוי׳ און בשעת עס פעלט די אמונה אין משה עבדו פעלט אויך אין די אמונה בהוי׳. (דאס איז אן ענין וואס עס שטייט פשוט אפגעדרוקט אין מכילתא).

און מען קען ניט מיינען אז מען קען זיך מסתפק זיין מיט אלע ענינים והודאות וואס ס׳איז דא פון פריערדיקע ספרים און אפשטעלן זיך ביז א געוויסן דור. ווארום בשעת עס פעלט די אמונה אין משה עבדו פעלט בא אים אויך אין די אלע פריערדיקע ספרים. ביז אין הוי׳ אליין.

וואס דאס זעהט מען אויך אין דעם ענין פון משנה תורה. אז בשעת מען לערנט ניט קיין משנה תורה איז ניט נאר וואס עס פעלט די חידושי ענינים שנתחדשו במשנה תורה נאר עס פעלט אויך דער פשט אין די פריערדיקע פיר ספרים. וואס דוקא דורך משנה תורה האט מען אויך אין דעם ביאור אין די פריערדיקע ספרים כנ"ל.

אזוי איז דער ענין בכל ימות השנה. נאר בשעת מען לייענט די סדרות פון דברים בכלל און פ׳ דברים בפרט, גיט עס א חיזוק ונתינת כח להנ"ל. עס זאל זיין דער ויאמינו בהוי׳ ובמשה עבדו. ניט קיין צוויי אמונות נאר דאס איז אמונה אחת אין הוי׳ אחד.

Click here or scan
to download this farbrengen
8 pages

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשי"ט

היינט צו מנחה לייענט מען פ׳ אלה הדברים אין וועלכע ער רעכנט אוים
די אלע ערטער, במדבר גו׳ ביז ודי זהב, וואס אין די אלע ערטער זיינען
דאך געווען ענינים בלתי רצויים, כפי׳ רש"י.

אויך לייענט מען דאך היינט די מסעות, וואס וועגן די מסעות
ברייננט דאך רש"י בשם המדרש, כאן חששת את ראשך כו׳.

טז. איז דאך ניט פארשטאנדיק, לפי׳ הבעש"ט וואס מען האט געהערט אין
מאמר אז די מ"ב מסעות זיינען אלע פאראן במשך שנות חיי האדם, אשר
יצאו מארץ מצרים איז לידת האדם, און דערנאך גייט כל ימי חייו ביז
צו ירדן יריחו, וואס דאס איז ווען ער קומט לבחי׳ ארץ החיים העליונים,
איז דאך ניט פארשטאנדיק לפי"ז וואו איז דא מוכרח בשנות חיי האדם
זאלן זיין ענינים בלתי רצויים?

נאר דער ענין איז: ווי דער בעש"ט איז דאס מבאר – הובא בספר דגל
מחנה אפרים – אז די מסעות מצד עצמם זיינען גאדניט קיין ענינים בלתי
רצויים, נאר מצד דעם וואס עס האט זיך אריינגעמישט דער לעו"ז, מצד דעם
זיינען ארויס געקומען ענינים בלתי רצויים, אבער מצד עצמם, אדער מצד
בחירת האדם וואס ער דארף בוחר זיין בחיים, און האט אויף דעם א סיוע
ונתינת כח כמ"ש ובחרת בחיים, מצד דעם קען דאס גאר זיין ענינים נעלים
בקדושה.

ולדוגמא, כאפט ער אן דעם מסע פון קברות התאוה, וואס ער ווערט
דאך אנגערופן מיט דעם נאמען, כי שם קברו את העם המתאוים (במדבר יא,
לד) איז דער ענין דא אויך אין קדושה, במדריגה נעלית בקדושה, אז דאס
איז א מדריגה וואו ס׳איז ניט שייך קיין תאוה, ניט נאר וואס בפועל
איז ניטא קיין תאוה, נאר קברו את העם המתאוים, אז ס׳איז גאר ניט
בגדר עס זאל זיין שייך תאוה.

אדוי אויך דער ענין פון ודי זהב, שטייט דאך אז פון וואס איז
געקומען דער חטא העגל, פון דעם וואס אלע אידן האבן געזען די מרכבה,
און געזען פני שור שבמרכבה, פון דעם איז ארויסגעקומען דער עגל. זעט
מען דאך דערפון, אז פון יעדער ענין, אפי׳ גאר א נידעריקער ענין
ווי חטא העגל, איז אויב נאר ס׳איז דא דער ובחרת בחיים, קען מען דאס
אויסנוצן צו גאר א הויכן ענין אין קדושה, ביז צו ראיית המרכבה, אלפי
שנאן, וואס דאס איז נאך העכער ממה שראה יחזקאל בן בוזי.

וכמו"כ איז אין אלע ענינים.

וואס דארף מען נידעריקער פון ירבעם בן נבט, וואס בשעת די גמ׳
וויל אנכאפן א נידעריקן ענין כאפט אן די גמ׳ ירבעם בן נבט שחטא והחטיא
את הרבים, שטייט דאך אז ער האט געלערנט ק"ג פנים בתורה, ק"ג בגי׳
עגל, והוא מתכסה בשלמה חדשה ושניהם לבדם בשדה, אז ער האט געלערנט
צוזאמען מיט אחי׳ השילוני און האבן מחדש געווען אזוינע ענינים וואס
נאר זיי לבדם האבן עס געקענט, איז דאס דאך געווען א ענין נעלה, נאר
מצד התערבות הלעו"ז איז דאס ארויסגעקומען אין קצה היותר הפכי, אבער
דורך דעם ובחרת בחיים קען מען דאס אויסנוצן לענין נעלה בקדושה.

און דאס איז דער ענין המ"ב מסעות ווי זיי זיינען בחיי האדם
הישראלי, די מסעות והענינים וועלכע זיינען געווען ביז איצטער, ווייס
מען דאך שוין וועלכע ענינים מען האט אויסגענוצט לטוב און וועלכע
להיפך, אבער בנוגע מכאן ולהבא, לכל אחד ואחד אין די מסעות וועלכע

Click here or scan
to download this farbrengen

7 pages

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ מטות-מסעי, כ"ח תמוז, מבה"ח מנחם-אב תש"כ

דהמקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא וכן להיפך, וא"כ בכל חטא פרטי הרי זה נוגע ופוגם בכל העולם. ולכן א"א לשופטו רק עשרה, שבזה נכלל כללות העולם. משא"כ ט' אנשים אין יכולים להרגיש מה .שנפעל ע"י חטאו בכל העולם.

ובזה יובן ג"כ מ"ש ג"פ עדה, לפי שבכל הג' קוין צריך לבנות העולם מהדש. בתחלה עלה במחשבה לברוא העולם במדת הדין, וכן כהיב תחלה ושפטו העדה, ראה שאין העולם מתקיים במדת הדין לכן צריך גם לבנות מדת החסד שזהו והצילו העדה, וצריך כאן עדה אחדת, לפי שאין עד בעשה דיין דמכיון שהוא עצמו ראה החוב לא חזי לי' זכותא, אך גם מצד החסד חטאין סגיאין לכן צריך לוהשיבו העדה שהוא קו האמצעי המכריע.

ובזה יובן מ"ש בסידור בהתרת נדרים ער"ה וטוב שיהיו עדה שלימה, לפי שקודם ר"ה, בנין העולם מחדש, צריך לתקן כל עניני הדשות, כללות העולם, דזהו"ע הנדרים (כנ"ל), ולהיות שצריך לתקן עניני הרשות של כללות העולם, צריך להיות בעשרה. וזהו ג"כ דיוק הלשון מ"ש אדה"ז עדה שלימה, לפי שיש כמה ענינים בעדה, והדיוק כאן הוא ענין שלימות העולם שישנו בעדה.

ההוראה מהנ"ל היא: עד כמה שנוגע כל פרט ופרט. וכדאי' בגמרא שלעולם יראה עצמו שקול וע"י כל פעולה מכריע את עצמו, שהסבר הפנימי בזה, כי כמו שבמצות אמרו שהעוסק במצוה פטור מהמצוה לפי שכולם כלולות זמ"ז, כך גם בעבירה שכל אחת כלולה כו' ובמילא בכל פרט זה נוגע לכללות מצב נפשו, ויתירה מזו שגם העולם שקול כו', והסבר הפנימי בזה כי נפש אחת מישראל הוא עולם מלא ולכן מצבו הפרטי נוגע לכל העולם.

ואחרי כל זה יש לו תיקון בערי מקלי הו"ע התשובה שלעולם לא יתייאש משום פעולה מה שעשה, מאמר הבעש"ט שבכה גם על מסית ומדיח כו', ומה שאמר בענין אבד המדולדל כו'.

שיחה ג'. ציווי בתורה, שכללותה הו"ע השמחה ולכן גם ציווי זה הוא כן, שממעטין בשמחה, ואי"ז היפך התורה, כי גם בזה יש שמחה. כי יש חילוק בין עצבות למרירות, ובמרירות יכול להיות בכי' מסטרא דא וחדוה מסטרא דא.

וסיבת השמחה הוא כי א) מאחר שהוא ציווי הקב"ה הרי הוא בשמחה, ב) בפרט שסיבת הגלות הוא מצד החטא ומ"מ גם עכשיו נותנים לו הוראות וציווים כו' וע"ד קירוב המלך לשפל אנשים כמ"ש בתניא פמ"ו, ג) ההוראות הם בענין זה גופא איך לתקן את החטא, וכמ"ש רחץ הוי' את צואת בנות ציון, ד) כמשנ"ת בענין יפה שעה אחת כו' לפי שעוה"ב הוא נח"ר לבורא, דכמו"כ בנדו"ז כל הגלות כו' הוא רק בנוגע להשתל' וציווי הקב"ה נח"ר לעצמו כו'.

וזהו"ע חמשה עשר באב ויו"כ, לפי ששניהם הו"ע מעלת התשובה על הצדיקים.

ב' אופנים בעבודת הבירורים, שבזה נחלק זמן הבית מזמן הגלות. דבזמן הבית היו בירור הניצוצות בדרך ממילא, משא"כ בזמן הגלות,

Click here or scan
to download this farbrengen
6 pages

בלתי מוגה

# ש"פ מטות־מסעי, ב' מנחם־אב
# תשכ"א

מצד המצוה שעושה, שמצד עצמו אמנם אין לו להחשיב את עצמו, משא״כ מצד המצוה, שע״י קיומה נעשה פרקליט כו׳[85]. ולכן, בברכת המזון שהיא מצוה, הנוסח הוא ״ואמרו אמן״, לשון רבים, למלאכים המלוים אותו; משא״כ כאשר הולך לבית הכסא, שאז צריך לסלק עצמו מדברי תורה כו׳, ואז נשארת מציאותו כפי שהיא מצד עצמו, וכיון שאין לו להחשיב את עצמו, אינו אומר ״התכבדו מכובדים״.

וכן הוא גם בנוגע לאמירת ״שלום עליכם״:

כאשר יהודי פוגש את חבירו ואומר לו ״שלום עליכם״ מתוך שמחה — אזי מקיים מצות אהבת ישראל, שהיא ״כלל גדול בתורה״[86].

ולהעיר, שמצות אהבת ישראל היא במשך כל היום, וכמדובר בהתוועדות שלפנ״ז[87] בענין קבלת המצות עשה של ואהבת לרעך כמוך קודם התפלה, שתפלה היא היסוד על כל היום, ובמילא גם מצות אהבת ישראל היא בכל היום. אבל אעפ״כ, הרי אינה דומה האהבה לחבירו קודם שפוגש אותו להאהבה בשעה שפוגש אותו ואומר לו ״שלום עליכם״ בשמחה, שאז ניתוסף באהבתו כו׳.

וכיון שזוהי מצוה, ומה גם שממנה נבראים מלאכים — לכן הנוסח הוא ״שלום עליכם״, לשון רבים.

המורם מכל האמור — שכיון שיהודי קשור תמיד עם מצוות, וחדור באהבת ישראל, הרי נמצאים תמיד מלאכים מסביבו ששומרים אותו בכל דרכיו, ועוזרים לו שתהי׳ אצלו העלי׳ מצד ההילוך בדרך.

טז. כ״ק אדמו״ר שליט״א צוה שיאמרו לחיים, והתחיל לנגן הניגון ״ניע זשוריצי כלאָפּצי״, ואמר:

התיבות שבניגון זה הם בשפה האוקראינית, ופירושם[88], שגם כאשר נמצאים ב״קרעטשמע״ (בפונדק), קודם שבאים הביתה, כשנמצאים עדיין בדרך, צריכים להיות בשמחה ולקחת מעט משקה... והרי עומדים עתה במסע האחרון לפני ״ירדן ירחו״!...

(ואח״כ אמר:) כיון שאין שבת מכין לחול[89], הנה כל מה שהכינו

Click here or scan
to download this farbrengen
12 pages
בלתי מוגה

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשכ"ב

דאפילו בגובע לכתיבת גפין, אז אעפ"י אז אין פסוק ווערט אנגערופן דער חודש מיטן נאמען אב, פונדעסטוועגען אין בשעת מ׳שרייבט מנחם אב, און נאך מערער – אפילט בשעת מ׳שרייבט מנחם אליין, און מ׳דערמאנט אינגאנצען ניט דעם ווארט אב, איז דער גט כשר. און דער טעם אויף דעם שטייט: כיון דמפורסם וידוע דחודש אב קרי׳ לי׳ מנחם (פתחי תשובה אה"ע סי׳ קכ"ו ס"ק יב).

אויפן פסוק אנכי אנכי הוא מנחמכם שטייט אין פסיקתא (פיסקא זו): דרכו של אב לרחם כרחם אב על בנים, ודרכה של אם לנחם כאיש אשר אמו תנחמנו, אמר הקב"ה אנא עביד דאב ודאם.

איז ניט פארשטאנדיק: וואס ברימט זיך דא דער אויבערשטער אז אנא עביד דאב ודאם, ער וועט טאן ביידע זאכן, סיי וואס אן אב טוהט סיי וואס אן אם טוהט? ובפרט לפי הידוע אז אלע ענינים שבעולם קומען פון תורה, וכמאמר רז"ל (ב"ר פ"א): התורה אומרת אני הייתי כל אומנתו של הקב"ה, און תורה איז די דיפתראות ופנקסאות, אין וואס דער אויבערשטער האט בעקוקט און פון דעם באשאפן די וועלט, איז דאך סיי דער ענין הנחמה דאם און סיי דער ענין הרחמים דאב, קומען ביידע פון תורה, איז וואס איז דער חידוש אז דער אויבערשטער וועט מאכן ביידע זאכן?

ז. דער חילוק פון נחמה מיט רחמים איז, אז אעפ"י ביידע קומען אויף אן ענין של חסרון, דאך זיינען זיי אפגעטיילט, דערמיט וואס נחמה איז פארבונדן מיטן חסרון. ד.ה. אז אפילו לאחר הנחמה בלייבט דער חסרון א חסרון, מערניט וואס מ׳איז מנחם, וואס דאס איז דאך וואס נחמה איז מלשון חרטה כמ"ש וינחם, איז דאך די חרטה פאר-בונדן מיטן ענין אויף וועלכן מ׳האט חרטה, משא"כ בא רחמים גייט אראפ דער חסרון לגמרי.

Click here or scan
to download this farbrengen
16 pages



This year's קביעות!

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ח תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשכ"ג

א. ידוע מה שסיפר רבינו נשיאנו, כ״ק מו״ח אדמו״ר[1], שלכל אחד מהרביים היו מאמרים קבועים ביחוד בשביל לטהר אויר העולם, אשר, פעם בשתים או בשלש שנים היו חוזרים עליהם ברבים.

ובהקדמה:

ידוע החילוק שבין תורה לתפלה[2] — שבתורה צריך להיות ענין של חידוש, ולא רק בהלימוד למיגרס (ללמוד ענין חדש שלא למד עדיין), אלא גם בהלימוד לעיונא, באופן שמחדש בתורה — ״לאפשא לה״[3]; משא״כ בתפלה, שנוסח התפלה הוא בשוה בכל יום.

ובנוגע לענינינו: נשיאי חב״ד[4] היו לא רק בבחי׳ ״שמונה נסיכי אדם״[5], שמהם נמשך רק בבחי׳ מקיף[6], אלא היו גם בבחי׳ ״שבעה רועים״[5], ״כמשל הרועה שמאכיל ומשקה את הצאן, שזהו השפעת החיות בפנימיות . . המלמדים אותם תורה . . השגה בפנימיות״[6], ולכן היו יכולים וצריכים לומר מאמר חדש.

אבל אעפ״כ, כדי לפעול בעולם טהרת האויר, הוצרכו מזמן לזמן לחזור מאמר מיוחד, אף שכבר אמרו אותו בשנים שלפנ״ז.

ובנוגע לאדמו״ר הזקן — ששנה זו היא שנת המאה וחמישים להסתלקות־הילולא שלו — הנה א׳ המאמרים שהי׳ חוזר עליו מזמן לזמן לטהר אויר העולם, הוא: ד״ה החלצו שנדפס בלקוטי תורה בפרשת השבוע[7], בלי ההגהות (שרובם ככולם ניתוספו ע״י הצמח־צדק).

ולהעיר, שבלקו״ת דפ׳ מטות יש כמה דרושים לפני ד״ה החלצו, כמו בפרשת השבוע שמתחילה בענין הנדרים, ורק לאח״ז מסופר אודות מלחמת מדין, שבה נאמר[8] ״החלצו מאתכם״; אבל, המאמר ששייך ביחוד לפעול טהרת אויר העולם הוא דוקא ד״ה החלצו, ששייך למלחמת מדין.

Click here or scan
to download this farbrengen

6 pages

בלתי מוגה

# ש"פ מטות־מסעי, ב' מנחם־אב
# תשכ"ה

אלא הקושי' שקשה על ר"מ הדרשן זהו מתורץ ע"י ר"ת, והקושי' שקשה על ר"ת מתרץ ר"מ, וביאור התירוץ לפי ר"ת על הקושי' שישנה על ר"מ הדרשן, דר"ת מפרש, משל למלך שהי' בנו חולה כו' כיון שהיו חוזרים התחיל אביו מונה כל המסעות, אמר לו, כאן ישננו, כאן הוקרנו, כאן חששת את ראשך, וא"כ כך גם בנמשך שזה הולך על הקב"ה שהוא אומר לישראל כאן ישננו וכו' ובאלו מסעות יכולים לומר כאן ישננו וכו' זהו רק במסעות שהי' עד רתמה, והמסעות שהי' אחרי הה ההר, היות ובמסעות אלו אז כתוב מקודם בחומש מה שהיו שם ולכן יכולים לומר ע"ז כאן ישננו, משא"כ בשאר המסעות לא יודעים מה . שהי' אלא רק לומדים כמו שבמסעות הקודמים הי' איזה דבר אז מסתמא במסעות הבאים קרה איזה מקרה, אבל במפורש לא כתוב ולכן ע"ז אינו יכולים לומר כאן ישננו, וממילא מובן מדוע צריך להיות כתוב המסעות שלפני ריתמה וכו'. וא"כ הביאור הוא שלפי ר"מ הדרשן מתורץ מדוע מובאים המסעות שהיו בין ריתמה להר ההר, ולפי ר"ת מובן מדוע מובאים מסעות שלפני ריתמה, ומסעות שלאחרי חצרות.

וזהו גם מה שרש"י כותב על ר' תנחומא דרש בו "דרשה אחרת". א) זהו כנ"ל שלפי ר"מ מתורץ מסעות אלו, ולפי ר"ת מתורץ מסעות אחרים כנ"ל, ב) שלפי ר"מ הדרשן אז כעת מדברים לבנ"י שהם עומדים בערבות מואב, ומספרים להם שבגזרה שהיתה עם אבותיהם אז על אף הגזרה החמורה מ"מ הי' מלא עם חסדים, משא"כ לפי ר"ת אז מדברים עם אותו אדם שקרה איתו כל המקרים. (כי אחרת לא שייך לומר לאדם כאן ישננו, בזמן שזה לא הוא ישן שם) ולא אומרים שכאן ישננו וכאן הוקרנו וכאן חששת את ראשך וכו' ולכן אומר רש"י שזהו "דרש דרשה אחרת".

**וההוראה בדרכי עבודה הוא: דהנה יש שני מיני עבודות, זה אלי ואנוהו, ואלקי אבי וארוממנהו, דזה קלי ואנוהו, זהו לפי ר"ת שבדברים עם אותו האיש אלקי אבי, זהו לפי ר"מ שמספרים מאביו, החילוק בשני עבודות אלו הוא: דזה קלי, כי זהו עבודת האדם עצמו ביגיעה והבנה והשגה, ואלקי אבי, וכו' זהו עבודה של מלמעלה למטה דזהו ענין האמונה, ותמיד צריך להיות ב' עבודות אלו, דאע"פ דחסידות חב"ד תובעת הבנה והשגה אבל ביחד עם זה אז תובעים שקודם לכן צ"ל נעשה ונשמע, נעשה קודם לנשמע, ענין האמונה, וזה צ"ל תמיד, שביחד עם הבנה והשגה צ"ל ענין האמונה, דכשהבנה והשגה היא יותר גדולה אז צ"ל האמונה בדרגה יותר גבוה.**

וזהו כמו שכתוב בלקו"ת על הפסוק וידעת, והשבות, שתמיד צ"ל ב' ענינים אלו, הבנה והשגה, ואמונה. ואח"כ בעבודה כזו אז מגיע סוף לדרגה כמ"ש השל"ה על הפסוק זהו קלי "ואנוהו" שנהי' אני-והוא ביחד.

(השמטה: הרבי הדבר מענין מ"ב מסעות שהמ"ב מסעות יש בכל יהודי, כמ"ש הבעש"ט בכל ימי משך חייו וגם ישנם אצלו בכל יום ויום.)

* * *

ד. אמר מאמר ד"ה ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם

* * *

ה. עוד חילוק ישנו בין ר"מ לבין ר"ת שזהו גם מה שרש"י כותב דרש דרשה אחרת, והחילוק הוא: דלפי פי' ר"מ אז הולכים באותו דרך ומספרים על המסעות שהיו, ולפי ר"ת אז מדובר כשחוזרים בחזרה אז מספרים, הולכים באותו הדרך ומספרים על המסעות שהיו.

ולפי ר"ת אז מדובר כשחוזרים בחזרה אז מספרים כאן ישננו כאן הוקרבו וכו', וזהו גם מה שכתוב ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם, וגו'. מסעיהם למוצאיהם.

בלקו"ת מפרש על פסוק הזה ברמז ובארוכה, ומקשה שם ע"ז שבהתחלה כתוב מוצאיהם למסעיהם ובסוף מסעיהם למוצאיהם?

Click here or scan
to download this farbrengen
9 pages

בלתי מוגה

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ח תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשכ"ו

און דערפאר וויבאלד אז כל עניבו של אלי' איז ענין הגאולה, דערפאר געפינט מען אויך ביי אלי' – וואס מען געפינט דאס ניט ביי אנדערע נביאים – אז ער האט געזאגט עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים, ער האט געטענה'ט אז ביידע ענינים צוזאמען קענען ניט זיין, ולכאורה ווי האט ער געקענט זאגען ואם לבעל תלכו? לכאורה פארוואס איז דאס בעסער ווי פוסחים על שתי הסעיפים.

נאהר וויבאלד אז כל עניבו של אלי' איז, ענין הגאולה, וואס די גאולה קען קומען דוקא דורכדעם וואס עס איז דא די עבודת הבירורים, וואס מען איז מברר פסולת מתוך האוכל וכו', אז יעדערער בלייבט באזונדער, איז אויפדעם האט ער געזאגט עד מתי אתם פוסחים כו' ווארום עס מוז זיין עבודת הבירורים.

און דאס איז אויך וואס די גמרא זאגט הרואה פינחס בחלום פלא נעשה לו, וואס דער טעם אין דעם איז ניט ווייל פלא איז מיט א פ"א, ע"ד ווי פלא, נאהר ווי רש"י זאגט אז פלא נעשה לו ווי פינחס שנעשה לו פלא, וואס לכאורה איז ניט מובן, פינחס האט דאך געהאט כמה וכמה דברים ווי בריתי שלום וכו' כו' פארוואס כאפט מען אן דוקא דער ענין פון פלא שנעשה לו.

נאהר פון דעם איז מובן אז עיקר עניבו של פינחס איז ענין הגאולה ענין הפלא, ע"ד ווי אלי' כאטש אז ער האט דאך געהאט כמה וכמה דברים פונדעסטוועגן זאגט מען אז עיקר עניבו של אלי' איז וואס ער קומט מבשר זיין ענין הגאולה, ועד"ז איז אויך עניבו של פינחס.

און דערפאר קומט אלי' מבשר זיין די גאולה כנ"ל וויבאלד אז אין קדושה איז ניטא קיין נהמא דכיסופא און אלץ דארף זיך נעמען דורך עבודה ויגיעה, און דערפאר מוז ער קומען מבשר זיין פריער בכדי מ'זאל זיך קענען מכין זיין.

און פון דעם קומט מען צו, צו א הוראה בעבודה, אז מען זאגט אז שוין פון פריער, איידער דער אויבערשטער האט געמאכט דער גלות, איז שוין געווען ענין הגאולה, כנ"ל אז דער אויבערשטער איז מקדים א רפואה פאר די מכה, ובמילא קומט אויס אז גלות איז ניט קיין מציאות אמיתי, און אלע מניעות ועיכובים זיינען ניט קיינע מניעות ועיכובים, ווארום שוין פון פריער איז דא דער אקדימו' טענתי', דער ענין הגאולה, און דאס איז נאך מערער ווי פון דעם וואס מען זאגט אז נהרות המכזבים, וויבאלד אז שפעטער הערט דאס אויף פליסן, במילא איז אויך פון פריער ווערט דאס ניט אנגערופען מים חיים, ווארום דא קומט אלץ אויס אז דער ביטול פון מים חיים ווערט שפעטער, דא אבער קומט צו נאך א ענין אז שוין פון פריער איז דא דער דבר המבטל אל הגלות און דער גאנצער מציאות פון גלות איז נאהר צוליב מען זאל דאס מבטל זיין, ע"ד ווי עס איז דא אין נגלה לגבי נדרים, איז עס זיינען דא אזעלכע נדרים וואס זייער מציאות און זייער קיום איז בלויז צוליב דעם וואס מען איז זיי מבטל, ועד"ז איז ענין הגלות, אז די גאנצע מציאות איז בלויז צוליב דער ביטול.

ועד"ז דארף ביי יעדן איינעם זיין עבודת פינחס, וואס דא קומט צו א הוספה אויף עבודת משה שבכאו"א, כמו שיתבאר להלן, ובעבודה איז דאס, ווייל ענין משה שבכאו"א נעמט זיך מצד הטבע ומצב התולדה משא"כ עבודת פינחס איז בכח עצמו.

ובמילא בשעת מען ווייסט אז ענין הגלות איז ניט קיין מציאות און עס איז ניטא קיינע מניעות ועיכובים, און ער האט די שליסעל ביי זיך אין האנט, און זיין עבודה איז בלויז צוליב דאס מבטל זיין, במילא ברענגט דאס צו מערער ס'זאל זיין בשמחה וטוב לבב.

נישט קוקענדיק אז סיי ווי איז דאך כי לא ידח ממנו נדח, איז דא אבער דא די הוספה גלייך פון אנפאנג רוחו של משיח ענין הגאולה.

און אט־די עבודה פון פינחס איז דא ביי יעדן איינעם אויך איצטער,

Click here or scan
to download this farbrengen
9 pages

בלתי מוגה

# ש"פ מסעי, כ"ח תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשכ"ז

הוא טוען אמנם שעושה זאת "לשם שמים", אבל האמת היא — שמרמה את עצמו כו', וכידוע פתגם אדמו"ר מהר"ש[154]: את הקב"ה — אי אפשר לרמות, וגם את העולם לא מרמים, אלא מאי, הוא מרמה את עצמו, וא"כ, מהו ה"קונץ" לרמות טיפש?!...

עם כמה יהודים הנחת תפילין במשך החודש האחרון?! — אפילו לא עם יהודי אחד!... ולמה — להיותו נכבד בעמיו!... ובכן, מה עשית עם הכבוד — "אין כבוד אלא תורה"[155] — למדת 18 שעות במשך המעת־לעת?! — בשביל זה אין לו כח; כאשר מבארים ענין ברמב"ם או בפירוש רש"י על התורה — ישן הוא... אבל לטייל ברחוב ולקרוא עיתון — יש לו כח!...

אינך מניח תפילין עם אחרים — הנח תפילין בעצמך, כלומר, עליך לשעבד את המוח ואת הלב, שזהו תוכן ענינה של מצות תפילין, כמ"ש רבינו הזקן בשו"ע[156], והרי שעבוד הלב פירושו — לא לעשות מה שרוצה, אלא אדרבה, לעשות היפך רצונו, שזהו כללות הענין דקבלת עול, וכדאיתא בזהר[157]: "כהאי תורא דיהבין עלי' עול בקדמיתא כו'".

וזוהי מעלה נוספת שיש ביציאה לשליחות — ששם אינו יכול לעשות מה שרוצה, כיון שמסתכלים עליו, איך הוא לומד ואיך הוא מתפלל וכו'.

כז. ועוד ענין בזה — ש"התייר הגדול", "ארון ברית ה'", "נוסע לפניהם דרך שלשת ימים":

הוא חושב ש"ארון ברית ה'" נמצא כאן, אבל האמת היא, ש"ארון ברית ה'" הוא ה"תייר הגדול" שנמצא דוקא שם — בריחוק מקום, "דרך שלשת ימים".

וכאשר נוסעים לשם — אין זה בכדי שימנו אותו ל"גענעראַל", ויעניקו לו "מדליי", ורק אז הוא יסע; לא זו היתה דרישת כ"ק מו"ח

וואס בא תפלין של ראש זעט דער גוי בגלוי דעם שי"ן און דעם דלי"ת, [און הגם אז דער יו"ד איז אויף'ן של יד, איז מ"מ דער שי"ן מיטן דלי"ת – און כ"ש לויט די דיעה אז דער יו"ד איז אויך אויף'ן של ראש] איז דאך דאס בגלוי (משא"כ של יד שהוא מכוסה).

אמת טאקע – אין תפלין של ראש איז אויך פאראן ענין תפלין של יד (וכמדובר אין פריערדיקע פארברענגענישן (שיחת ש"פ מקץ, תשכ"ח. שיחת יו"ד שבט ש.ז.)) ווארום כמאחז"ל: כ"ז שהוא בין עיניך יהי' שתים. אבער בגלוי פועל'ט דאס דער של ראש (שזה הרי נראה – וראו, מהו"כ בתש"י כנ"ל)].

וואס דאס איז דער ענטפער צו די שואלים; אז ס'דאך שוין דורכגעגאנגען י"ב חודש – און צווי מאל י"ב חודש וואס מ'שטורעמט וועגן תפלין – צי דארף מען נאך-אלץ טאן אין דעם?

איז דער ענטפער אויף דעם:

<u>אדרבה, ואדרבה</u> – <u>דוקא יעצט</u>, דארף מען ערשט טאן אין מבצע תפלין, (נאך מער ווי פריער)! ווארום דאן האט זיך געפאדערט בעיקר – דער ענין פון "יראו ממך", און יעצט שטייט מען אין א מצב וואס מ'דארף אנקומען צו "וטרף זרוע אף קדקד".
ווארום, <u>אילו זכינו</u> – וואלט מען יוצא געווען מיטן "יראו ממך"! און מיט די "מלחמת ששת הימים" וואלט זיך דאס <u>געענדיגט</u>, בשלימות ולתמיד; ווארום יעמולט איז געווען דער "יראו ממך", און "נפל פחד היהודים עליהם", און מיט דעם וואלט מען געקענט יוצא-זיין.

וואס איז אבער געווען לפועל? זיי זיינען אנטלאפן – איז מען זיי נאכגעלאפן, און מ'זאגט זיי "אחי אתה"! און מ'בעט זיי מאכן שלום.

איז פאראן פונקט אזא מעשה אין תנ"ך (מ"א כ). [נאר <u>די</u> מלחמה הייסט "של ששת ימים" און דארטן הייסט דאס מלחמה "של שבעת ימים"].

דער תנ"ך דערציילט דארטן א מעשה מיט אחאב, אז ער האט געהאט א מלחמה מיט ארם, און ארם האט געהאט א שטארקע מפלה, אז ער האט קיינמאל ניט געטראכט אז ער וועט האבן א תקומה.

איז אחאב עם נאכגעלאפן און האט עם געזאגט אז "אחי אתה"!, און ער האט אים געבעטן קומען און זיצן מיט עם אויף איין טיש; און מ'האט איינגעשמועסט ארם'ען אז מ'וויל מיט עם זיין בשלום.

ס'זיינען באם מלך ארם געווען יועצים, און זיי האבן עם איינגערעדט אז אידן זיינען רחמנים און גומלי חסדים, ובמילא וועלן זיי טאקע מאכן שלום.

מלך ארם ווייס דאך אבער אז ס'קען ניט זיין, ווארום ער ווייס דאך אז ער איז (אחאב'ען) א שונא מות, און כמים הפנים לפנים כן לב אדם לאדם.


Click here or scan
to download this farbrengen
30 pages

בלתי מוגה

This year's קביעות!

לכאורה וואלט מען געקענט זאגען דער ביאור בזה ע"ד ווי רש"י זאגט אויף משכנותיך ישראל ווי געזעדט אז דאס איז בדוגמת המשכון, אז ע"י החורבן ביהמ"ק זיינען אידען קיימין, ווי עס שטייט ותצת אש בציון, דורך דעריף זיינען אידען נצבים לעד, ובמילא קומט אויס אז דאס אליין איז די נחמה, אז ע"ז זיינען אידען קיימין.

איז אה"נ אז דאס איז א ביטערע רפואה, איז עס אבער סוכ"ס א רפואה.

איז דאס אבער בלויז בפעם הראשון שייך זאגען אז דאס איז א נחמה, דערנאך אבער איז עס אנאנדער ענין.

איז דער ביאור בזה: דער דין איז דאך א ג׳ שנים איז א חזקה, ובפרט אז עס איז אסאך מער ווי ג׳ שנים, איז דאך לכאורה ניט מובן, לכאורה האט מען זיך שוין געדארפט צוגעוואוינען צום גלות, ווארום עס איז דאך שוין אזוי פיל יארען וואס מען איז בגלות.

ולפועל איז פאראן די געגועים ותשוקה בכל הזמן אויף ארויסגיין פון גלות וואס דאס איז ניט בלויז במחשבה, נאר אויך בדיבור ווי מען זאגט ג"פ בכל יום בשמו"ע ותחזנה עינינו בשובך לציון, אפילו בארצות הרוחה וואו מעו קען מקיים זיין תומ"צ וכו׳, איז פאראן די געגועים והשתוקקות אויף ארויסגיין פון גלות, און בשעת עס קומען זיך צוזאמען צען אידען, וואס דאס איז א ענין של פרהסיא, זאגט מען דאס בגלוי, און דער תכלית פון די געגועים איז בשובך לציון וכו׳, אנפאנגענדיק פון את צמח דוד עבדך וכו׳, ביז המחזיר שכינתו לציון, וואס דאס איז דאך זיכער געזאגט געווארען מיט רגש הלב, ווארום עס איז דאך וה׳ יראה לבב, איז ווער איז דאס דער שופטני וואס וועט דאוונען אן הרגש הלב, בשעת אז ה׳ יראה ללבב.

וואס לכאורה פארוואס טאקע איז פאראן די געגועים לזה, און וואס טוט די געגועים אויף, ווי דער רבי האט געזאגט אז ניט מיט אונזער ווילען זיינען מיר געגאנגער אין גלות, און ניט מיט אונזער ווילען וועלען מיט צוריק גיין אין ארץ ישראל צו די גאולה, במילא וואס וועט אויף טאן די געגועים.

ובפרט אז בזמן הזה איז עיקר השכינה בגלות, ווי דער אלטער רבי איז מסביר אין לקו"ת בנוגע ללאה ורחל, אז דא בגלות איז עיקר השכינה דא, וגלו לאדום שכינה עמהם, ובמילא פארוואס דארף זיין די געגועים.

נאר די געגועים אליין, דאס אליין איז א ענין של נחמה, אז בשעת מען דערמאנט זיך אז מען איז בגלות, דאס אליין פועל׳ט א נחמה אז מען דארף פארענדיקען די עבודה און מען וועט ארויס גיין פון גלות.

און דורך דעריף וואס עס קומט אראפ בדיבור כנ"ל, דאס פועל׳ט אויף דעם נפה"ב ווי דער אלטער רבי איז מסביר אז ע"י העניך פון לבטא בשפתים, עניך הדיבור פועל׳ט עס אויף דעם נפה"ב.

אידען דארפן דאך אויך פועל׳ן אין וועלט, פועל׳ן זיי דאס באכילה ושתי׳, וואס דאס איז דאך מקשר גשמיות ורוחניות און רוחניות וגשמיות, ובמילא קומט עס אויך אראפ אין וועלט.

איז בשעת עס קומט חודש אב און מען איז מכריז אז מען איז אין גלות און דער ביהמ"ק איז חרוב געווארען, דאס אליין פועל׳ט אז מנחם אב, אז עס ווערט עניך הנחמה,


Click here or scan
to download this farbrengen

11 pages


בלתי מוגה

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב
# תשל"ב

[illegible] ותושבע"פ.

וואס דאס איז אזוי אין אלע ענינים: אין תורה, אין עולמות און שכר המצוה – אז זיי ווערן פאנאנדערגעטיילט אין צוויי'ען.

[והטעם לזה איז ווייל אין עבודה דארף דאס אויכעט זיין אין צוויי סוגים].

און עד"ז איז דאס געווען אין די מסעות וואס איין ענין אין די מסעות איז געווען וואס "יצאו מארץ מצרים" און דער צווייטער ענין איז געווען "באו אל ארץ טובה ורחבה" און אין מיטען איז געווען מסעות רבים.

[וע"ד ווי עס רעדט זיך אין דעם ענין פון "משכני אחריך נרוצה הביאני המלך חדריו" (שה"ש א, ד).

וואס "משכני" איז לשון יחיד און "הביאני המלך חדריו" איז לשון יחיד און "אחריך נרוצה" איז לשון רבים, וואס דאס איז נפה"א ונפה"ב].

און אין עבודה איז דאס אז עס דארף זיין מסעי לשון רבים די נסיעה פון נפה"א און די נסיעה פון דעם גוף, אז ניט נאר בשעת התפילה זאל ער שטיין אין מעמד ומצב פון מסעי נאר אויכעט אין עניני הגוף וואס בשלשה דברים דומה לבהמה זאל זיין א מעמד ומצב פון נסיעה, וואס הויבען הויבט זיך דאס אן אז עס דארף זיין די עבודה פון נפה"א ונפה"ב וואס רוח הבהמה היא היורדת למטה און עס דארף זיין בכל לבבך בשני יצריך, דערנאך די עבודה פון נפש וגוף, ביז אז דער גוף זאל שטיין אין מצב פון נסיעה און ווי ער ברייינגט אראפ אין ירושלמי (ברכות פ"ב סוף ה"ד. הובא (בלשון זה) בתוד"ה עיון תפלה – שבת קיח, ב), אז ווען ער פלעגט האלטען בא מודים איז מנפשי' כרע, און דאס איז ניט נאר פאר יחידי סגולה.

ע"ד ווי מען געפינט דאס בא די מעשה פון דעם רבי (מהורש"ב) נ"ע מיט ר' חיים בריסקער, וואס ר' חיים האט געפרעגט: ליובאוויטשער רבי, איר שטעלט אויף זיך? האט דער רבי נ"ע געענטפערט אז ער האט צוגעוואוינט דעם גוף צו עניני תומ"צ (ראה גם סה"מ תשי"א ע' 246. קונטרס חנוך לנער ס"ע 9 ואילך. ועוד), און ערשט דערנאך האט ער געפונען דעם מקור אויף דעם.

ובנוגע לענינכו – אז מען דארף פועל'ן ניט נאר אין זיינע ד' אמות נאר בכל העולם כולו, ווי דער רמב"ם שרייבט: יראה עצמו וכל העולם כולו שקול, וואס דער ענין ווערט פאנאנדערגעטיילט אויף צוויי: פון די העכסטע ביז די נידעריקסטע דרגא, וואס ווי דאס איז בדרגא נעלית איז דאס ווי די עבודה דארף זיין סיי אין דרגת הנשמה המהלבשה בגוף און סיי אין דער דרגא פון מקיף דנשמה וואס איננה מתלבשת בגוף, וואס באוהיות הלקו"ת ווערט דאס אנגערופן ראש שבנשמה ורגל שבנשמה, איז וויבאלד אז ער איז מקיף לנשמה איז דאך פארשטאנדיק אז עס איז געווען אידו שהוא ירידה אין דער נשמה וואס דער תכלית שבזה איז אז עס זאל זיין א עלי' למקום עליון יותר וואס דאס איז דער ענין המסעות, בדרגא נמוכה יותר איז די עבודה מיטן נפה"א ונפה"ב, און נאכדעם נפש והגוף, און דערנאך הוא וכל העולם כולו, און ווי עס שטייט "כמופת הייתי לרבים".

וואס בכדי צו דאס פועל זיין איז דאס א עבודה קשה דורך קבלת עול, און ווי דער אלטער רבי ברייינגט אראפ אין תו"א, אז עבודה איז מלשון עיבוד עורות, און ווי ער שרייבט אין תניא (פמ"א – נז, א) "כהאי תורא דיהבין עלי' עול בקדמיתא".

Click here or scan
to download this farbrengen
7 pages

בלתי מוגה

This year's קביעות!

ד.ה. אז אין אַלע פרטים זיינע איז ער אמת,

מוז מען דעריבער זאגן אז דאס וואס מען זאגט אז ס׳דארף נים זיין קיינע שינויים בשבת מבה"ח מנ"א, איז דאס נים נאר מצד ענין השבת שבו, ד.ה. אז דער ענין השבת איז "מעלים" אויף דער ענין פון חדש אב, און דעריבער דארף נים זיין קיין שינוי, נאר אויך מצד דעם ענין פון חדש אַב שבו, דארף אויך נים זיין קיין שינוי, ואדרבה, מען דארף נאך מוסיף זיין בשמחה, ווייל היות אז יעדער ענין אין תורה איז אמת בכל עניניו, איז דאס וואס מען מאנט אז עס דארף זיין בשבת זו א ענין פון שמחה, איז דאס בכל הפרטים פון שבת, סיי מצד ענין השבת שבו, און סיי מצד חדש אב שבו,

וואס דאס איז אויך מתאים מיט דעם מנהג וואס איז נהוג בכל תפוצות ישראל, אז מען רופט אן חדש אב מיטן נאמען מנחם אב, (און מען איז נאך מקדים דער ענין פון מנחם פאר אב), וואס דער נאמען מנחם געפינט מען נים ביי קיין אנדערע חדש, אפי׳ נים בחדש ניסן, והגם אז דער נאמען ניסן באווייזט אויף ענין הנס, וואס דאס איז ■ ענין נעלה, (און דאס איז אויך מתאים מיט דעם וואס יצי"מ איז געווען בניסן, ווארום דער נאמען פון א זאך באווייזט דאך אויף זיין תוכן), פונדעסטוועגן געפינט מען נים אז עס זאל גערופען ווערן מנחם, און וואו געפינט מען דעם נאמען מנחם איז דאס דוקא בחדש אב,

וואס דער ענין פון "מנחם" ווייזט אויף א גרעסערן עילוי ווי דער ענין פון ניסן, הגם אז ניסן איז דער ענין הנס, איז אבער דער ענין פון נס <u>שולל</u> הנהגת הטבע; אין א נס הערט זיך נים דער עילוי ווי אלקות (שלמעלה מהטבע) קומט אראפ אין טבע, נאר אדרבה, דער נס ברעכט טבע, משא"כ דער ענין פון נחמה איז אז אפילו במקום כזה וואו מ׳דארף אנקומען צו ענין הנחמה, ווייל דארט האט געטראפן אן ענין הפכי, איז מען דארטן ממשיך דעם ענין הנחמה, וואס דאס איז אן עילוי נעלה ביותר - ווי אלקות שלמעלה מן הטבע קומט אראפ <u>אין</u> עניני טבע,

און דאס ברענגט צו א העכערן דרגא אין עבודה וכלשון הפסוק - "וינחם ה׳", וואס דער פייטש פון וינחם אז ער האט חרטה געהאט פון דעם וואס ער האט געטאן פריער, און איצטער גייט ער דאס טאן אין א בעסערן אופן ווי פריער, ועד"ז בנוגע צו מנחם אב איז דער ענין הנחמה איז אז עס איז א חרטה פון פריער, און איצטער וועט זיך ערשט אנהויבן א נייע עבודה ובהוספה אויף פריער, וואס דאס איז ע"ד עבודת החשובה, אז ערשט לאחרי החטא איז ע"י החשובה קומט ער צו נאך העכער ווי ער איז געווען לפני החטא, ועד"ז ביי חדש מנחם אב, איז אדרבה, דוקא לאחרי די אלע ענינים פון חדש אב קומט צו נאך מער ווי עס איז געווען פריער,

וואס מיט דעם וועט מען פארשטיין דאס וואס די משנה (תענית כו,ב) זאגט "לא הי׳ ימים טובים לישראל כחמשה עשר


Click here or scan
to download this farbrengen
14 pages

בלתי מוגה

און מ'זעט דאך אז רבקה האט שפעטער געשיקט בפועל דבורה'ן צו־ברענגען יעקב'ן, (און ווי רש"י איז דאס מפרש עה"פ "אלון בכות" (בראשית לה,ח) אז דבורה איז געשטארבן אין וועג און דערפאר הייסט דער ארט אלון בכות),

— איז לאכו"כ בשעת עס רעדט זיך וועגן א מכה נפש בשגגה, אדך עס רעדט זיך וועגן דעם גואל הדם, וואס דאס איז דאן נים־דואס מ'האט ביי אים אליין צוגענומען זיין גאנצער חיות (ע"ד ווי ס'איז געווען ביי עשו מיט די ברכות און די בכורה), נאר מ'האט דאס געטאן א קרוב זיינעם, פארשטייט דער קינד, אז נאך א ווייל גייט־אראפ דער כעס פון דעם גואל הדם,

— נאר די שאלה ווערט ביים קינד א פארקערטע: וויבאלד אז דער גואל הדם וועט במשך א זמן קצר זיך בארואיגען כו', איז וואס דארף דער מכה נפש בשגגה זיצען אזוי לאנג אין עיר מקלט? און הכי נמי אז בי"ד קען ניט אפשטעלן א זמן קבוע אויף דעם, ווארום האדם יראה לעינים , איז במילא קען מען ניט אפשטעלן איין זמן אויף אלע דורות, (ובפרט אז ס'איז א שאלה פון פק"נ),

— און דאס וואס רבקה האט יע געוואוסט אז נאך ימים אחדים וועט זיין דער ישוב חמת אחיך, איז דאס ביים קינד קיין קשיא ניט, ווארום רש"י האט שוין פריער געזאגט אז די אמהות זיינען געווען נביאות (שם כט, לד), איז פונקט ווי רבקה האט געוואוסט וואס טוט זיך ביי עשו'ן אין הארצען, ווי רש"י זאגט אז ברוה"ק הוגד לה וואס עשו טראכט (שם כז, מב), האט זי אויך געוואוסט ווי לאנג עס דארף געדויערן דער ישוב חמת אחיך, —

אבער דער קינד פרעגט: א מענטש (בי"ד) קען טאקע ניט אפשטעלן א זמן קבוע, אבער דער אויבערשטער וואלט לכאורה געדארפט קובע זיין א סימן?

זאגט אים רש"י, אז ס'איז טאקע דא א סימן, וואס דאס איז דער "מות הכהן גדול",

פרעגט אבער דער קינד — ס'דארף דאך זיין א שייכות ביניהם? תורה וועט דאך ניט געבן א סימן אויף א ענין סיידען אז די ביידע ענינים זיינען שייכים זל"ז, איז וואס איז די שייכות צווישען כה"ג און מכה נפש בשגגה?

ענטפערט רש"י, אז ס'איז טאקע דא א שייכות, וואס דער איז מאריך ימיהם וכו', און דער הורג נפש איז פארקערט כו', און דא האט מען ביידע ענינים בב"א: מ'האט א סימן ווען דער מכה נפש קען ארויסגיין פון עיר מקלט; און מ'באווארענט אויך דעם ענין אז דער כה"ג און דער מכה נפש זאלען זיך ניט טרעפען, (מצד דעם טעם וואס דער איז משרה שכינה בישראל, און דער וויל מסלק זיין די שכינה כו'),

Click here or scan
to download this farbrengen
16 pages
בלתי מוגה

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשל"ה

זאגן יעדער איד, און וואס וועט זאגן להבדיל דער גוי, דאס וואס איז אבער אונז נוגע, און אונזער ארבעט איז, ממשיך זיין דעם אויבערשטנס מלכות דא למטה,

און אונז איז ניט נוגע צו עס וועט זיין מהם יראו וכן יעשו אדער אפי' ניט, מיר דארפן טאן אונזער ארבעט.

ניט קוקנדיק אז דער רוט זיך אפ וכו', ס'איז טאקע אלץ גוטע זאכן, זיי זיינען אויך פארנומען מיט לערנען תורה, ווארום בשופטני לא עסקינן – וועגן שוטים רעדט מען ניט, און היות הגוף בריא ושלם איז דאס מדרכי ה' וכו', אלץ גוטע זאכן – אבער "כמאן דעביד לא אמרינן" (ירושלמי גיטין פ"ז ה"ו), מען דארף טאן די ארבעט אין הפצת תורה וכו' כדי צו ראטעווען אידן סיי אין אה"ק סיי בכל מקום שהם.

דערנאך קומט דער יצה"ר און ווארפט קאלטע וואסער ביז אז ער ווארפט שטיקער אייז, און קילט אפ, און טענה'ט וואס וועט ער קענען אויפטאן, מ'וועט דאך אים ניט פאלגן וכו', מי אני ומה אני, איז צוליב וואס זאל ער טאן אין דערויף?

איז אויף דעם זאגט מען אים, אז די גמ' (קידושין מ, ב) זאגט אז לעולם יראה אדם את כל העולם שקול, און דורך איין מעשה איז מכריע את כל העולם כולו לכף זכות, איז אין גמ' קען מען מיינען אז דאס איז אן ענין של אגדה, זעט מען אז דער רמב"ם ברענגט דאס אראפ אין ספרו יד החזקה (הל' תשובה פ"ג ה"ד) אלס א פס"ד, אז א מענטש דארף קוקן אויף די גאנצע וועלט אז זי איז שקול, און דורך זיין איין מעשה, איין דיבור, איין מחשבה, קען ער מכריע זיין את כל העולם כולו לכף זכוה ופועל תשועה והצלה.

און וויבאלד אז "אין אתנו יודע עד מה" (תהילים עד, ט) קען דאך זיין אז דורך אט די פעולה וועט ער ארויס נעמען שכינתא מגלותא,

איז אע"פ אז ס'דארף זיין דער ענין פון ביטול, "ונפשי כעפר לכל תהי'", מי אני ומה אני, מיט אלע ענינים פון שפלות, ס'קומט אבער צו תומ"צ, דארף ער וויסן אז ס'איז דא א פס"ד מפורש אז דורך איין הוספה אין תומ"צ – איין פעולה, איז ער מכריע את כל העולם לכף זכוה. און דער רמב"ם זאגט דעם לשון "<u>לעולם</u>", אז דאס איז ניט נאר אין דעם זמן פון עשי"ת (וואס פריער רעדט ער וועגן א הנהגה פון עשי"ה), נאר "לעולם" – א גאנץ יאר איז העולם שקול און ער קען מכריע זיין די גאנצע וועלט לכף זכות.

מ'דארף אויך מעורר זיין אידן וועגן דעם ענין פון בטחון אין דעם אויבערשטן, אז אידן דארפן וויסן אז "לא ינום ולא יישן שומר ישראל", איז בכלל ניטא וואס צו מורא האבן, און דאס איז ניט וואס כ'וויל בארואיגן, נאר דער אמת איז אזוי, ווארום דער אויבערשטער איז דאך משגיח בהשגחה פרטית אויף יעדער פרט און פרט פון אן אידן, עאכו"כ אז ער איז משגיח אויף א קבוצה פון אידן, עאכו"כ ווען דאס איז פארבונדן מיט בתי כנסיות ובתי מדרשות.

מסתמא וועלן אנדערע קומען און זאגן אז וויבאלד דאס איז אזא צייט דארף מען מאכן א תעניות וכו', דארף מען וויסן אז מ'דארף ניט מאטערן אידן, סיידן וועט גדולי ישראל זיינען מחליט אז ס'איז

Click here or scan
to download this farbrengen
22 pages

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשל"ו

די שדה וואס פרעגן יע די שאלה – זאלן אויך וויסן אז וצויתי את ברכתי גו׳].

עד"ז איז דאס אויך בנוגע צו יחזקאל, אז מ׳באווארנט די טענה וואס נעמט זיך פון דעם העלם והסתר הגלות כו׳.

דער העלם והסתר איז אזוי גרויס, אז בהמשך רעדצו וואס מ׳האט גערעדט מ׳זאל לערנען הלכות פון בנין ביהמ"ק האט מען געפרעגט די שאלה: וויבאלד אז נשים ובנות זיינען ניט מחויב אין בנין ביהמ"ק – צי דארפן זיי אויך לערנען די הלכות?

וואס דא זעט מען דעם גודל ההעלם והסתר – אז ס׳איז גלייך אפגעלייגט בפשטות אז נשים ובנות זיינען ניט מחויב; ער פרעגט דאס אפי׳ ניט!

מ׳האט דאך דערמאנט אז דאס איז פארבונדן מיט הלכות בית הבחירה – איז נעם א רמב"ם און גיב א קוק דארטן איידער דו פרעגסט.

ס׳איז א מפורש׳ע הלכה אין רמב"ם (שם פ"א הי"ב) אז נשים זיינען מחויב אין בנין ביהמ"ק! איז פאר דעם וואס מ׳פרעגט פויל זיך ניט און גיב א קוק אריין אין רמב"ם – ס׳איז ניט קיין גרויסע טירחא.

מ׳קאכט זיך דאך אין פירש"י על התורה, שטייט דאך בפירוש אין חומש (ויקהל לה, כב) "ויבואו האנשים על הנשים", און "וכל הנשים אשר נשא לבן אתנה טוו גו׳", און רש"י איז דאס מבאר, און בפרט אז די רש"י האט מען מבאר געווען ביי א פארברייינגען (ש"פ ויקהל ש.ז.), און מ׳האט זיך געקאכט אין דעם וכו׳ כמה פעמים (ליל אדר"ח אד"ש ופורים ש.ז.).

– איך האב געהערט א מאל פון א אידן אז ער איז זיכער אז ער וועט האבן אריכות ימים. האב איך אים געפרעגט: פארוואס איז ער אזוי זיכער? האט ער מיר געזאגט אז ער האט געהאט א הבטחה פון רבי׳ן דעם שווער אז ער וועט זיין א ירא שמים, און אזוי ווי ער ווייסט אז ער איז נאך ווייט פון יראת שמים, און כדי ער זאל ווערן א ירא שמים דארף נעמען א ריבוי זמן, במילא איז ער זיכער אז ער וועט מאריך ימים ושנים זיין.

האב איך אים געפרעגט: וואס טוסטו כדי צו מקיים זיין וואס דער רבי האט געזאגט?

זאגט ער מיר: אשרי ובא לציון איז מהיכי תיתי, אבער די שיעורים פון חת"ת, דאס היט ער אפ בכל תוקף;

אשרי ובא לציון איז דאך א זאך וואס ס׳זיינען דא אין דעם שינויי המנהגים (ראה סידור הגאונים והמקובלים ע׳ תשיח ואילך), וויל ער זיך ניט ארייינלאזן אין שינויי המנהגים, אבער חת"ת איז א זאך וואס ער האט געהערט פון רבי׳ן, וואס גופא בתר רישא אזיל, ער האט דאס אליין געהערט פון זיין קאפ – איז ווי קען ער דאס פארגעסן –

מילא די רש"י צי דעם רמב"ם וכו׳ האט ער פארגעסן, אבער א זאך וואס מ׳האט אליין געהערט ווי מ׳קאכט זיך וועגן דעם ביים פארברייינגען – איז ווי קען מען דאס פארגעסן?!

עד"ז איז בנוגע דעם דין אז בשעת מ׳מאכט א החלטה איז דאס אזוי ווי דער ענין איז שוין געווען לפועל, האט מען געפרעגט וואו איז דער מקור אויף דעם – ס׳איז א פסוק אין דניאל (י, ב) און א

בלתי מוגה

Click here or scan
to download this farbrengen

31 pages

This year's קביעות!

# ש"פ מטות־מסעי, ר"ח מנחם־אב
# תשל"ז

אז ער איז א מאמין.

משא"כ אבער בשעת מ׳זאגט זיי להיפך (ניט דאס וואס ס׳שטייט אין תורה), דעמולט איז אפי׳ אויב מ׳זאגט דאס אויף אידיש, פועל׳ט דאס אויך ניט, ווארום ס׳איז ניט דער אמת, נאר מ׳דארף זאגן דעם גוי דאס וואס ס׳שטייט אין תורה, וואס דעמולט איז אפי׳ אויב מ׳זאגט דאס אויף אלע שבעים לשון (ווי ס׳שטייט אין די זעלבע סדרה "באר את התורה" – "בשבעים לשון" (א, ה ובפירש"י)), איז וויבאלד אז דאס איז א אידישער תוכן, דאס וואס ס׳שטייט אין תורה, פועל׳ט דאס אויפן גוי.

ד.ה. אז מ׳דארף זאגן דעם גוי אז א"י געהערט צו אידן דערפאר וואס אזוי שטייט אין תורה, און דערפאר וואס דער אויבערשטער האט דאס געגעבן צו אברהם אין ברית בין הבתרים, און ניט דערפאר וואס א גוי אין לונדון האט געזאגט כו"כ, ווארום דעמולט קען מען זאגן אז וואשינגטאן איז שטארקער פון לונדון, און סעיד איז שטארקער וכו׳, נאר מ׳דארף זאגן דעם אמת – אז דעמולט איז "אין מערער בדבר".

און דערנאך זאגט מען אז "אינכם צריכים למלחמה", אז ס׳איז דא א הבטחה אז ס׳וועט ניט זיין קיין ענין של מלחמה. קען דאך אבער דער גוי טענה׳ן: אויב אזוי, איז פארוואס דארפסטו האבן כלי נשק וכו׳, דו זאגסט דאך אז ס׳וועט ניט זיין קיין מלחמה?!

אויף דערויף זאגט מען אים: "אלו לא שלחו מרגלים לא היו צריכים לכלי זיין"; ער דערציילט אים אז ער איז געבארן געווארן כו"כ דורות נאך דעדויף וואס ס׳זיינען געווען די מרגלים, וואס דעמולט איז געווען א גאנצער בלבול וכו׳, און ווען ס׳וואלט ניט געווען דער ענין המרגלים, וואלט מען ניט געדארפט האבן קיין כלי זיין,

אבער אזוי ווי מ׳האט נאך צוזאמען מיט דעם ענין המרגלים, והראי׳ אז מ׳געפינט זיך נאך אין גלות, וואס ווען ס׳וואלט ניט געווען דער חטא המרגלים, וואלט מען דאך גלייך אדיינגעגאנגען אין א"י, און ס׳וואלט געווען די גאולה האמיתית והשלימה, אבער אזוי ווי ס׳איז געווען דער חטא המרגלים, וואס צוליב דעם האט מען געדארפט זיין ארבעים שנה אין מדבר, און צווישן זיינען געווען כו"כ ענינים וכו׳, וואס דערפאר איז נאך דא דער ענין הגלות –

איז וויבאלד אז מ׳איז נאך ניט פטור געווארן פון דעם ענין המרגלים, דערפאר דארף מען אנקומען צו כלי נשק און צו צבא, און צו אלע ענינים פון כלכלה וכו׳; מ׳איז אבער מבטיח אז ס׳וועט ניט זיין קיין ענין של מלחמה, ווארום ס׳וועט זיין "תפול עליהם אימתה ופחד בגדול זרועך ידמו כאבן" (בשלח טו, טז).

ויה"ר אז ס׳זאל זיין דער ענין פון שלימות הארץ, צוזאמען מיט שלימות התורה און שלימות העם, ביז אז מ׳וועט קומען צו די גאולה האמיתית והשלימה, למטה מעשרה טפחים.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה וועלן מסתמא מאכן א ברכה אחרונה, און מ׳זאל ניט פארגעסן דערמאנען של שבת ושל ר"ח.

אחר מנחה התחיל לנגן ניעט ניקאווא.

Click here or scan
to download this farbrengen
34 pages

בלתי מוגה

# מוצש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשל"ט

אבער אעפ"כ, אזוי שטייט בפירוש אין כדרש, און עס ווערט אראפגעבראכט אלס א טעם אויף דעם וואס "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער גודל העילוי פון חמשה עשר באב, איז פאדבונדן דערמיט וואס דאס קומט לאחרי הירידה פון השעה באב.

ו. פון יעדער עניין דארף דאך ארויסקומען א הוראה בפועל – ועד"ז בעניננו:

ווען עס קומט דער "חודש החמישי באחד לחודש", קען צו אים קומען דער "קלוגינקער" און וועלן אריינווארפן אים אין עצבות, און נאך נידעריקער: אין יאוש, טענה'נדיק אז וואס וועט מען שוין אויפטאן נאך דערויף וואס עס זיינען שוין דורכגעגאנגען אזוי פיל און אזוי פיל יארן, און אזוי פיל עבודות קדושה פון אזוי פיל צדיקים, און אעפ"כ איז אנגעקומען דער "חודש החמישי באחד לחודש" (ועד"ז – שבת מברכים שלפניו) און "אנחנו לא נושענו"[20]!

דאגט מען אים גלייך אז אין דער קריאת התורה פון פרשת מסעי ווערט דערציילט וועגן אהרן כה"ג – אז כל "פעולתו אשר עבד בה"[21] במשך כל ימי חייו, איז געשטאנען אין דעם טאג ("בחודש החמישי באחד לחודש") בגלוי, און עס האט פועל געווען פעולתו,

און וויבאלד אז "התורה היא נצחית"[22], איז פארשטאנדיק אז עס ווערט אויפגעטאן מידי שנה בשנה, ווען עס קומט דער "חודש החמישי באחד לחודש".

און דעמולט איז זיכער אז ילך לבטח דרכו, און נאכמער: ער וועט מקיים זיין דעם ציווי פון "עבדו את ה׳ בשמחה"[23] אין דעם אופן וואס מ׳מעג מקיים זיין אין די ג׳ שבועות (און אין די תשעה ימים) וואס וויבאלד אז מ׳מעג מקיים זיין דעם אופן השמחה, איז מען מחוייב מקיים זיין דעם אופן השמחה – ווי ס׳איז פארשטאנדיק פון רמב"ם[24] דער גודל המעלה פון עבודה בשמחה.

ז. "והמעשה הוא העיקר"[25] – אז ווען מ׳קומט צו די ג׳ שבועות, און אין זיי גופא קומט מען שוין צו שבת מברכים חודש אב (וואס דעמולט דערמאנט מען זיך אויף ר"ח אב) – דערמאנט מען זיך גלייך אז פאר דעם נאמען פון "אב" זאגט מען "מנחם (אב)"[26],

און גלייך נאך דערויף זאגט מען אז דער חודש זאל זיין "לחיים ולשלום לששון ולשמחה לישועה ולנחמה",

און ס׳איז מסיים "ונאמר אמן" – כמדובר כמ"פ באריכה

Click here or scan
to download this farbrengen

54 pages

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ח תמוז, מבה"ח מנחם־אב תש"מ

כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אמאל דערציילט, אז דער חילוק צווישן פעפער מיט צוקער איז נאר בשעת מ'לייגט עס אויפן חיך, אויף די גומען (ווי עס שטייט[159] "חיך אוכל יטעם לו"); בשעת מ'לייגט דאס אבער אויפן האנט איז ניטא קיין חילוק צווישן פעפער מיט צוקער, ווארום אזוי האט דער אויבערשטער מסביב געווען אז די האנט איז ניט מרגיש און מכיר דעם הילוק צווישן פעפער מיט צוקער.

עד"ז איז בעניננו:

ס'איז אים קיין נפק"מ ניט צי מ'זינגט "הוא אלקינו" צי ניט – ווארום ער לייגט דאס ניט אריין אויף זיין "חיך" – ער איז זיך אין דערויף ניט מתבונן מיט זיין שכל שבראש, און ער איז דאס ניט מרגיש אין זיין רגש שבלב.

מט. לאחרי כל זה וועט מען מיר מסתמא פרעגן: אויב אזוי פארוואס דערמאן איך בא יעדער התוועדות אז מ'זאל מאכן א ברכה אחרונה?!

איז די הסברה בזה – אז אויף א דין אין שו"ע האב איך ניט די ברייטקייט צו נעמען די אחריות אז איינער זאל ניט מאכן א ברכה אחרונה,

און דערפאר, איז אפילו אויב איינער שלאפט און איך גיב א געשריי אז מ'זאל מאכן א ברכה אחרונה, און יענער כאפט זיך אויף פון שלאף און מאכט א ברכה אחרונה – איז כדאי אז אלע אידן וואס געפינען זיך דא זאלן הערן דעם געשריי, וויבאלד אז דורך דערויף האט יענער געמאכט א ברכה אחרונה;

בנוגע אבער צו א מנהג חסידים – דארף מען ניט יעדער מאל דערמאנען אז מ'דארף אזוי און אזוי טאן, בשעת מ'האט וועגן דעם שוין דערמאנט כו"כ פעמים.

נ. ועד"ז איז אויך בנוגע צו לערנען הלכות בית הבחירה פון דעם רמב"ם אין די ג' שבועות, ווי מ'טוט שוין כמה שנים.

בשעה ס'איז געקומען צו דער התחלה פון די דריי וואכן בשנה זו – האב איך געווארט צו זעהן אויב מ'וועט רעדן וועגן דעם, און בפועל האב איך געזעהן אז מ'רעדט ניט וועגן דעם.

Click here or scan
to download this farbrengen
71 pages

בלתי מוגה

Editor's Pick

# ש"פ מטות, כ"ג תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשמ"א

זאגט מען אים אז ער דארף וויסן זיין, אז אין אמת'ן איז דאס ניט אזוי, ווי דאס איז באמיתיות האט יעדער איד אלץ,

ובמילא דארף ער זיין בשמחה, וואס די תשובה פון שבת, תשובה עילאה, וואס דעמולט ווערט נתגלה פנימיות הענינים כנ"ל, איז פארבונדן מיט שמחה, ווי עס שטייט אין תניא[132] און אין אגה"ת[132*].

און בשעת ער איז בשמחה העלפט דאס בעבודתו כמדובר לעיל[133] דאס וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט מבאר געווען[133*] אין דעם וואס מ'זינגט א שיר של נצחון בשעת מ'גייט אויף מלחמה אז מ'איז בטוח אז עס וועט זיין "לא נפקד ממנו איש"[134] און "לא נפקד" פון קיין סוג אידן, אפילו פון די וואס זיינען נידעריקער פון צדיקים, און אפילו פון די וואס זיינען נידעריקער פון בינונים.

א איד דארף וויסן, אז באמיתיות האט ער אלץ, און ווי די משנה זאגט אז א אידן קומט "סעודת שלמה בשעתו"[134*], וואס דאס איז נאכמער ווי "חמשים איש רצים לפניו"[135] – דאס איז די סעודה פון שלמה!

איי וואס דערווייל פעלט – איז דאס דער חשבון פון דעם אויבערשטן, און ער דארף ניט טראכטן דעם חשבון, ווארום וועד וויים צי ער וועט זיך דערטראכטן, און אפילו אז ער וועט דערטראכטן – ווער וויים צי עד וועט צוקומען צום דיכטיקן סך הכל, און אפילו אז ער וועט צוקומען צום ריכטיקן סך הכל – ווער וויים צי ער וועט דאס פאלגן;

זאל ער טראכטן וואס ער דארף טאן, וואס אין דעם וועט ער צוקומען צום סך הכל, און אין דעם איז רשות לכל אדם נתונה"[135*] ער זאל פאלגן.

און איי ס'פעלט אים די "חמישים איש רצים לפניו" – איז כסיפור פון דעם אלטן רבי'ן[136] וואס ער האט איינעם געזאגט: "הער אויף טראכטן וואס מ'דארף טאן פאר דיר און טראכט וואס דו דארפסט טאן".

און דערנאך איז דער איד געווארן א גביר, א גביר פשוט בגשמיות (כ"ק אדמו"ר שליט"א חייך ואמר:) מסתמא איז דאס אויך נוגע צו וויסן.

לה. איז בשעת א איד טענה'ט אז אים פעלט אין בני חיי אדער

Click here or scan
to download this farbrengen

61 pages

בלתי מוגה

# ש"פ מסעי, ר"ח מנחם־אב
# תשמ"א

און אפילו אויב ער איז פארנומען מיט התבוננות ניט (נאר) אין גדלות הא-ל, נאר אין שפלות האדם, וואס דאס איז אתכפיא און אתהפכא, ער קומט צו צו דער הכרה אז ער איז א בו"ד גלייך מיט אלעמען –

אעפ"כ דארף זיין דער "חדוה תקיעא בליבאי מסיטרא דא"[107], און ער דארף גיין טאן און מפיץ זיין "פקודי ה׳ ישרים משמחי לב"[108], וואס דאס מיינט מצוות, כפירוש הפשוט שבזה,

און ווי דער רמב"ם שרייבט[109] אז עס דארף זיין "עבדו את ה׳ בשמחה"[110].

בשעת מ׳גייט אין גאס אין די טעג און מ׳רעדט מיט א אידן, איז אמת טאקע איצטער טאר מען ניט מאכן קיין חתונות און ניט טאן אנדערע עניני שמחה[111] – דארף ער אבער ניט זיין פארכמורעט און אומעטיק, ווארום אין אזא אופן וועט ער ניט קענען פועל זיין[112],

ווי מ׳זעט דא אין ארצה"ב, וואו מ׳וויל אז יעדער זאך זאל געטאן ווערן "סמיילינג", און דוקא דעמולט ווערט נתקבל, אנדערש האט דאס צו יענעם קיין שייכות ניט.

עס קען טאקע זיין א ריכטיקע זאך ע"פ שכל, בשעת אבער מ׳זאגט דאס ניט אין אזא אופן – איז ניט דאס איז ער אוימן, ס׳איז ניט אין ד׳ אמות שלו,

און "אזלת לקרתא הלך בנימוסי׳"[113]!

ובפרט אז דאס איז ניט (נאר) דער נימוס פון דער "קרתא", עס איז דער נימוס פון דעם אויבערשטן וואס "עוז וחדוה במקומו"[114].

איז בשעת ער לייגט תפילין מיט א אידן – דארף ער זיין בשמחה גדולה, דערפון וואס ער האט ביי יענעם אויפגעטאן דעם "וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך ויראו ממך"[115],

און ווי די גמרא[116] דערציילט וועגן אן אמורא וואס "בדח טובא", האט מען ביי אים געפרעגט עס שטייט[117] דאך "בכל עצב יהי׳ מותר"?! און דוקא "אז ימלא שחוק פינו"[118] געענטפערט "אנא תפילין מנחנא". די הנחת תפילין האט אים גורם געווען צו "בדח טובא"

Click here or scan
to download this farbrengen
57 pages

בלתי מוגה

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשמ"ב

ביום השבת דארף מען טאן. איך אלע עניינים מתוך תענוג ושמחה, וואָרום "וקראת לשבת עונג"[167], און "ביום שמחתכם – אלו השבתות"[168], און ביום השבת איז "אין עצב בה"[169].

בשעת ס׳קומט אבער זמן הקיץ און ס׳איז הייס, קען זיין א בעלי־בתישע סברא אז מ׳זאל זיך ניט אזוי אנשטרענגען אין טאן אלע ענינים בשבת מתוך עונג ושמחה.

ווי לדוגמא: בשעת ס׳קומט צו זינגען ביי א התוועדות ביום השבת א ניגון, ווי דער ניגון "שיבנה בית המקדש", וויל ער זיך ניט אזויפיל אנשטרענגען זינגען, טאמער ער וועט צופיל שוויצן! איז אפילו אויב ער זינגט, טוט ער דאס צו יוצא זיין, און קוקט ארום צי מ׳האט שוין געזען אז ער האט געזונגען, וואס דעמולט קען ער שוין אויפהערן זינגען. און נאך דעם ניגון האלט ער זיך ניט איין און ווישט אפ דעם שווייס פון פנים...

דארף מען וויסן, אז וויבאלד דאס איז א בעלי־בתישע סברא – איז איפכא מסתברא, און ביום השבת דארף זיין שמחה ועונג, און "אין עצב בה", און דעריבער דארף מען ניט גיין און באווייזן אז מ׳ווישט אפ דעם שווייס פון פנים נאך דעם ווי מ׳זינגט א ניגון שבת!

וואס אפילו בכל השנה דארף דאס ניט זיין. ועאכו"כ אין א שבת פון "בין המצרים", וואס דעמולט דארף מען האבן א זהירות מיוחדת אז מ׳זאל אים ניט חושד זיין אז דאס וואס ער זינגט ניט בשבת א ניגון בשמחה כדבעי, איז עס דערפאר וואס דער עניין פון "בין המצרים" האט עפעס אנגערירט ביום השבת ח"ו – דערפאר דארף ער דעמולט זיך נאכמער משתדל זיין צו זינגען דעם ניגון בשמחה כדבעי ובשלימות, בכדי ס׳זאל ניט זיין אט דער חשד (וכידוע הסיפור בזה).

און דערנאך ווען ס׳קומט מוצאי שבת, איז אויב ס׳איז נאך דעמולט א מצב וואס עדיין "לא נושענו"[170] – דארף מען זיך דעמולט פירן לויט די אלע הלכות און מיט די אלע הגבלות פארבונדן מיט די טעג (ימות החול) פון "בין המצרים";

בלתי מוגה

Click here or scan
to download this farbrengen

80 pages

⭐ Editor's Pick
Many are learning תשמ"ב this year

This year's קביעות!

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ח תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשמ"ג

חסידים[124], אז בערב ראש חודש ובט"ו בחודש איז א זמן מתאים אויף השתטחות על קברי צדיקים], און אלע אידן בכל העולם כולו דארפן זיך דערצו מצטרף זיין, סיי אין חוץ לארץ סיי אין ארץ ישראל.

וואס דעמולט ווערט א חיבור ואחדות פון אלע אידן אין אן ענין פארבונדן מיט תפלה, וואס ענינה איז אויך חיבור ואחדות מיטן אויבערשטן, "דע לפני מי אתה עומד"[125], און ניט נאר "דע לפני מי אתה עומד" נאר מ'ווערט איין זאך מיטן אויבערשטן, תפלה מלשון "התופל[110] כלי חרס"[126], אז מ'ווערט פארבונדן ביז איין זאך מיטן אויבערשטן.

[זאמאל איז געווען דער מנהג בכמה בתי כנסיות אז אויפן עמוד פון דעם שליח ציבור פלעג שטיין א גאנצער גליון, וואו עס איז געווען אויסגעשריבן דער שם הוי', און "למנצח בנגינות גו'", מיט כמה ציורים, א מנורה וכו', מיט אלע גוטע זאכן.

בא מיר איז אלעמאל געווען א ספק וואס איז דער ענין אין דעם: בשעת מ'שטעלט זיך דאוונען דארף זיין "דע לפני מי אתה עומד", ובפרט באם שליח ציבור, דארף ער דאך מכוון זיין פירוש המילות, און אין דעם זאלן זיך ניט אריינמישן אנדערע זאכן – איז ווי פאסט דא אז אויפן עמוד זאלן שטיין כל מיני דברים. וועלכע זיינען טאקע ענינים גדולים ונעלים, אבער זיי האבן ניט קיין שייכות צו ענין התפלה בפשטות.

דערפאר איז א גוטע זאך אז איצטער איז דער מנהג ניטא (כאטש מ'דארף ניט רעדן אויף די דורות שלפנ"ז)].

ר.ה. אז בשעת התפלה דארף מען זיך משתדל זיין צו ווערן דורכגענומען מיט דער תפלה, "דע לפני מי אתה עומד", ביז אז מ'זאל ווערן פארבונדן און איין זאך מיט דעם צו וועמען מ'איז מתפלל – דער אויבערשטער.

וואס דערפאר זאגט מען אז בשעת התפלה דארף מען שטיין "כעבדא קמי' מרי'"[127]. וואס דער פירוש אין דעם איז ניט נאר אז ער שטייט ווי אן עבד לפני האדון, נאר ער ווערט איין מציאות מיטן אדון. ער איז טאקע בטל צום אדון, אבער דורך דעם ווערט ער

בלתי מוגה

Click here or scan
to download this farbrengen

48 pages

און דאס זאגט די משנה דא – אלס "מילי דחסידותא" – "עשה רצונו כרצונך": ע"פ דין דארף א איד ניט אויפמאכן א רצון חדש בא דעם אויבערשטן. אבער ע"פ מדת החסידות "עשה רצונו כרצונך", דארף א איד אויפמאכן א רצון חדש באם אויבערשטן אז דער רצון פון אויבערשטן זאל זיין "כרצונך", ווי דער רצון פון דעם אידן.

ואחד מהענינים בזה:

אע"פ וואס מ׳געפינט זיך אין גלות, ובפשטות – ווייל אזוי איז איצטער רצון ה׳ אז אידן זאלן זיין אין גלות – אעפ"כ זאגט די משנה א הוראה – והטועה בדבר משנה חוזר[188], ס׳איז ניט שייך קיין טעות אין משנה – אז "עשה רצונו כרצונך": א איד דארף אויפמאכן א רצון חדש באם אויבערשטן, אז רצונו של הקב"ה זאל ווערן כרצונך פון א אידן – אז מ׳דארף ארויסגיין פון גלות תיכף ומיד!

אַי – טענה׳ט ער – ס׳איז ניט זיין דרך צו מאנען און אויפמאכן א רצון חדש באם אויבערשטן, און שרייען "עד מתי" און "זאל שוין זיין די גאולה", ער פארלאזט זיך אויפן רצון פון אויבערשטן, און ווען דער אויבערשטער וועט וועלן, וועט ער ארויסנעמען אידן פון גלות?!

זאגט מען אים אז ס׳איז א הוראה אין משנה – "עשה רצונו כרצונך": מאך אויף א רצון חדש באם אויבערשטן, "כרצונך", אז מ׳זאל שוין ארויס פון גלות, און דורך דעם וואס דו שרייסט באמת אז מ׳וויל שוין די גאולה, ובדברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב[189], "כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם"[190], כולל ללב אדם העליון – פועל׳ט מען אויף באם אויבערשטן דעם רצון צו ארויסנעמען אידן פון גלות!

מז. קען דאך ווערן א שאלה – אז אמת טאקע "עשה רצונך כרצונו", צו ארויסנעמען אידן פון גלות איז א גוטע זאך, אבער אפשר איז דאס ניט אן עניין פארבונדן מיט עבודת השם, וואס דאס איז דער עיקר פון א אידן – "אני נבראתי לשמש את קוני"[191]?

בלתי מוגה


Click here or scan
to download this farbrengen


52 pages

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשמ"ו

ווי ווייסט מען דעם תוכן פון דעם זמן פרטי – דארף מען לכל לראש אריינקוקן אין תורה, די תורה פון דער צייט[55], וואס אויך תורה "נסעה וירדה כו' ממדרגה למדרגה בהשתלשלות העולמות עד שנתלבשה בדברים גשמיים ועניני עולם הזה כו' בדיו על הספר"[56], אין זמן ומקום, ביז אין זמנים פרטיים – אז יעדער זמן ויום האט זיין תורה מיוחדת.

כידוע די שיעורי חת"ת (חומש תהלים תניא) וועלכע כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האט קובע געווען אלס שיעורים השוים לכל נפש פאר יעדער איד בדורנו (זייענדיק זייער נשיא) – דער שיעור בכל יום: אין חומש (כפי שנחלק לכל יום), תהלים (כפי שנחלק לחודש), און תניא (כפי שנחלק לשנה).

ושלא כדעת הטועים, אז די שיעורים זיינען (נאר) אלס א חלק פון מצות תלמוד תורה, וואס דעמולט יש מקום לומר אז דער שיעור בספר התניא (וואס איז א חלק פון תושבע"פ) איז מען ניט מקיים סיידן מ'האט אין דעם הבנה והשגה כדרוש (וואס איז א הכרח בלימוד תושבע"פ[57]), נאר בעיקר זיינען די שיעורי חת"ת נוגע לחיי נפשו [ולהעיר מהשיעור תהלים המתאים לשנות חייו*[57]; און דער שיעור אין תניא, פנימיות התורה – חיי פנימיות נפשו, כידוע אז סתים דישראל איז פארבונדן מיט סתים דאורייתא[58]], און אזוי ווי דעם שיעור חומש און שיעור תהלים איז מען מקיים אויך ווען לא ידע מאי קאמר, יש לומר אז אזוי איז אויך בנוגע צו דעם שיעור תניא.

וואס דאס איז אויך אן ענטפער צו די וואס טוען אן א "זיידענע זופיצע" און טענה'ן אז מ'דארף ניט לערנען דעם שיעור תניא, ווייל ס'איז ניט מנהג אבותינו, און זיי טוען עס נאך אן אין כבוד פון דעם אלטן רבי'ן: וואס הייסט אז סתם א איד וועט גיין אפלייענען ספר התניא פון דעם אלטן רבי'ן, און דערנאך ארומגיין און זיך בלאזן אז ער האט פארשטאנען וואס דער אלטער רבי האט געוואלט – ס'איז היפך הכבוד פון דעם אלטן רבי'ן! אט דאס ארט אים – כבוד פון דעם אלטן רבי'ן... בשלמא דעם ענין פון "מדבר שקר תרחק"[59] – איז דאס נאר א לאו, האט ער עובר געווען אויך א לאו; אבער וואס ארט אים – דעם כבוד פון דעם אלטן רבי'ן! במילא איז בעסער ניט לערנען תניא, און אנשטאט דעם לערנען אן אנדער זאך אין תורה

Click here or scan
to download this farbrengen
34 pages

בלתי מוגה

This year's קביעות!

אין גלות, איז דאס נאך ניט א מצב פון "ארץ טובה ורחבה" – ווייל מ׳איז א כבשה אחת בין שבעים זאבים[26]. און אפילו ווען מ׳געפינט זיך אין א מלכות של חסד, וואו גוים זייען אוהבי ישראל און זיי העלפן אידן ארויס – פארשטייט אבער יעדער בר שכל, אז אפילו אויב ער לערנט טאקע תורה און מאכט א סך געלט וכו׳, איז אבער וויבאלד מ׳דארף נאך אנקומען צו טובות פון גוים און אנקומען צו זייער רשיון וכו׳, איז דאס ניט די אמת׳ע שלימות פון "טובה ורחבה".

אמת׳ע "טובה ורחבה" איז דוקא ווען מ׳דארף ניט אנקומען "לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלוואתם, כי אם לידך המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה"[27], וואס די שלימות דערפון וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה, ווען ס׳וועט מקויים ווערן דער יעוד "אפס כי לא יהי׳ בך אביון גו׳"[28].

**ובזמן הזה איז דא מעין זה – דורך בקשת צרכיו פון א אידן, וואו ער בעט באם אויבערשטן "חננו מאתך חכמה בינה ודעת", און ברכת השנים, און די אנדערע שמונה עשרה ברכות (בימי החול), און אויך ביום השבת – איז די ברכה האמצעית כולל די שמונה עשרה ברכות,**

**ביז די בקשה העיקרית – "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח", און אויך ביום השבת – "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", וואס דעמולט וועט זיין די שלימות פון "טובה ורחבה", כנ"ל.**

**און וויבאלד אז א איד בעט עס בתפלתו – בעט ער דאס זיכער מיט אן אמת, ווארום אויב ניט איז א שאד די צייט!...**

ולאחרי די אלע מסעות אין גלות – קומט מען טאקע אן צו "ארץ טובה ורחבה", וואס דעמולט שטעלן זיך אפ די מסעות (אין מדבר), און עס ווערט "בשובה ובנחת תושעון"[29] (כמבואר בכ"מ דער ענין בזה[30]),

און וויבאלד אז דאס איז "טובה ורחבה" איז דאס פארבונדן מיט שמחה, און מיט די שירה העשירית[31], צוזאמען מיט "לחיים ולברכה", און מ׳פועל׳ט אז אויך ביי א צווייטן זאל זיין "לחיים ולברכה", בשמחה גדולה, וואס שמחה איז פורץ גדר[32], אויך דער גדר פון גלות,

ויהפכו ימים אלה "לששון ולשמחה ולמועדים טובים", בשמחה ובטוב לבב, בארץ טובה ורחבה, ארץ הקודש.

Click here or scan
to download this farbrengen

40 pages

בלתי מוגה

# ש"פ מטות־מסעי, ב' מנחם־אב
# תשמ"ח

״ראשי מטות״ פון כל הדורות,

ועוד והוא העיקר - ולא עכבן אפילו כהרף עין, תיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין שנדר יש בו חלות קדושת קרבן, שעיקר נדר האמור בתורה הוא שיתפיס בדבר הנדור, כגון שאומר ככר זה עלי כקרבן]:

ואע״פ אז בזמן הזה טאר מען ניט מקריב זיין קרבנות, און דער טעם פארוואס מ׳טאר ניט איז ווייל מ׳דארף עס ניט, ווארום אלע ענינים אין תורה און אידישקייט איז אדער אהער אדער אהין: אדער מ׳דארף עס ניט, במילא קען מען ניט, אבער אויב מ׳דארף עס - דעמולט דארף מען האבן די מעגלעכקייט צו דאס קענען טאן,

[ע״ד ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האט געזאגט, אז א איד דארף וויסן אז ער קלעטערט אויף א בארג, וואס דעמולט גייט ער אדער ארויף, אדער אויב ער גייט ניט ארויף - גליטשט ער ח״ו אראפ - ס׳איז ניטא קיין ברירה בינתיים אז ער זאל זיך וועלן אפרוען אדער לייגן שלאפן, ווארום דעמולט פאלט ער אראפ, נאר ער דארף האלטן אין איין קלעטערן העכער און העכער אויפן ״הר אלקים״ ביז עס ווערט ״הר הוי׳״ (״מי יעלה בהר הוי׳״)] -

איז בשעת מ׳טאר ניט ברענגען קרבנות (ווייל מ׳דארף עס ניט) - קען מען אבער בזמן הזה אויסנוצן דעם כח הדיבור אויף ענינים טובים, ווי לדוגמא - וואס דער אלטער רבי שרייבט בסידורו השוה לכל נפש: ״נכון לומר קודם התפלה הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך״ [אע״פ וואס דער עיקר קודם התפלה איז לכאורה ״שויתי ה׳ לנגדי תמיד״].

[בענין שעיקר ההדגשה בחסידות הוא העבודה דעשה טוב, ועי״ז מבטל הרע בדרך ממילא]:

ס׳איז ניט דער פשט אז מ׳מאכט זיך ניט וויסנדיק וועגן דעם רע און מ׳לאזט דעם רע בושעווען, נאר דער אופן ווי מ׳איז מבטל דעם רע איז ניט דורך אנשרעקן וכו׳, נאר דורך אריינברענגען

Click here or scan
to download this farbrengen
24 pages

בלתי מוגה

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ו תמוז, מבה"ח מנחם־אב תשמ"ט

חשבונות איז שוין "כלו כל הקצין"[4] און עס דארף קומען די גאולה.

ואע"פ אז די גמרא[4] גיט צו "ואין הדבר תלוי אלא בתשובה", האט דער איד שוין זיכער תשובה געטאן, און אידן בכלל האבן תשובה געטאן, און א ריבוי תשובה, ובמילא האט מען די הבטחה אז בשעת ישראל עושין תשובה - "מיד הן נגאלין".

און די "טענה" אז עס פעלט נאך אין דער עבודה פון אידן - איז פשוט היפך האמת און היפך המציאות, ווארום נוסף צו קיום התומ"צ בכלל, האבן אידן מרבה געווען אין תורה עבודה וגמילות חסדים, אין דעם "הרבה להם תורה ומצוות" (ווי מ׳זאגט בסיום הפרק), און אויך אין "והעמידו תלמידים הרבה".

במילא שרייען אידן "עד מתי"?! עס דארף שוין קומען "צוגיין" די גאולה, און ניט באופן פון עקב בצד אגודל, נאר די גאולה זאל "אריינטאנצן" בזריזות ממש, אז תיכף ומיד ממש קומט משיח צדקנו [וועלכער איז א בשר ודם, העוסק בתורה כדוד אביו וכו׳[5]] - דורכן טויער, דורכן פענצטער אדער דורכן דאך, ס׳איז קיין נפק"מ ניט באיזה אופן שיהי׳ - אבי ער זאל שוין קומען!

וכאמור - תיכף ומיד ממש, נאך אין דעם שבת פ׳ מטות מסעי שנה זו, שנת תשמ"ט ידיך, אז דער אויבערשטער איז משמיט אלע חובות פון אידן, וועלכע זיינען סיבת הגלות ("מפני חטאינו גלינו מארצנו"), און בשעת עס ווערט בטל די סיבה ווערט בדרך ממילא בטל דער מסובב.

ובפרט אז שנה זו איז אויך א הכנה צו שנת תש"נ, תהי׳ שנת נסים, אזוי אז משיח קומט שוין בשנה זו, וועט די שנה שלאחרי זה זיין א שנת נסים,

און אלע אידן, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, גייען

Click here or scan
to download this farbrengen
18 pages



This year's קביעות!

# ש"פ מטות־מסעי, כ"ח תמוז, מבה"ח מנחם־אב תש"נ

— איז מען מסיים ספר רביעי, וואָס איז כולל דעם סיום פון אַלע פיר ספרים — כל התורה (כנ״ל), מיט אַ חיזוק גדול פון „חזק חזק ונתחזק״, בתלתא זימני הוי חזקה (חזקה אין חזק גופא).

ולהוסיף, אַז בקביעות שנה זו קומט די הכרזה פון „חזק חזק ונתחזק״ נאָך דער קריאה פון אַ לאַנגע סדרה (מער ווי ע״ד הרגיל) — פ׳ מטות מסעי מחוברות אַלס איין סדרה (— שבעה קרואים), לאַנג בכמות, און לאַנג באיכות (ובמיוחד איז דאָך כמות אין תורה פאַרבונדן מיט איכות, ובפרט תושב״כ וועלכע איז כולל כל תושבע״פ כולה (זי איז דאָך פירושה פון תושב״כ[49]), וליכא מידי דלא רמיזא באורייתא[50]). וואָס דאָס איז נאָכמער מד־גיש די עלי׳ גדולה ביותר (שלא ע״ד הר־גיל) וואָס קומט דורך די שלשה שבועות.

ח. דער ענין הנ״ל — די ירידה גדולה אין גלות און די עלי׳ גדולה וועלכע קומט דערפון — איז אויך מרומז אין דעם תוכן פון די נעמען פון פ׳ מטות־מסעי:

אידן[51] ווערן דאָ באַצייכנט מיטן נאָ־מען „מטות״, ווייל דאָס באַווייזט אויף אַ שטעקן וואָס איז שוין האַרט און שטאַרק,

Click here or scan
to download this farbrengen
17 pages

# ש"פ מטות־מסעי, ב' מנחם־אב
# תנש"א

אומנתו, היינו, שר"ש שתורתו אומנתו „מכניס" הזוהר והאור („זהר הרקיע") שלו בק"ש ותפלה – נמשכת מדרגת האחדות שלמעלה מהתחלקות, שעל ידה נעשה חיבור ב' אופני העבודה דתורה (המשכה מלמעלה למטה) וק"ש ותפלה (העלאה מלמטה למעלה).

ויש להוסיף, שבלימוד התורה (תורתו אומנתו) גופא ישנם ב' האופנים דהמשכה והעלאה – כידוע פתגם הרה"צ ר' הלל מפּאַריטש[יא] בנוגע לדא"ח דהצמח־צדק (ועד"ז אצל כל רבותינו נשיאינו), שאמירת המאמר היא באופן ד„שכינה מדברת מתוך גרונו", „כנתינתה מסיני"[יא*], משא"כ הבי־אור והשקו"ט בהמאמר אפילו ע"י בעל המאמר בעצמו לאחרי אמירת המאמר, היינו, שבתורה גופא ישנם ב' האופנים דהמשכה מלמעלה למטה (כנתינתה מסיני) והעלאה מלמטה למעלה (ביאור ושקו"ט בשכל האדם), ע"ד ובדוגמת כללות החי־לוק שבין תורה (המשכה) לק"ש ותפלה (העלאה)[יא].

טו. האמור לעיל קשור גם לענין נוסף

Click here or scan
to download this farbrengen

12 pages

# Shabbos P' Matos-Masei, 26 Tammuz, Mevorchim Av

# 5739

The same applies in a personal sense. If we see a Jew involved in a struggle, we are obligated to help him. Then we can truly appreciate the quality of thirst. The Rambam explains that a Baal Teshuvah goes through a process of personal transformation conquering his own desires. The Alter Rebbe explains how a Baal Teshuvah's distance from G-d, his presence in a dry and parched land arouses him to a greater thirst for connection to G-d than experienced by Tzaddikim.

Through helping another Jew achieve this quality of thirst, Teshuvah, we can receive an awareness of this quality ourselves. Therefore we should not regard our work with others as a regret-able necessity that we must undertake but rather become actively involved.

7. People have asked how can we continue in such an age, when there is so much darkness and when our Sages have passed away. The Previous Rebbe answered this question when speaking about his own father. He declared "He will not separate himself from his flock. Even after his passing, he arouses G-d's mercy, drawing down G-dly influence just as when he was alive." What the Previous Rebbe said about his father applies to himself.[16] He is carrying out those functions now.

The Previous Rebbe declared that this redemption was connected to all Jews "the lovers of Torah, the followers of its commandments, and everyone who is called by the name of Israel." In the same letter, he sent the Chassidic discourse "Ten who sit together and study Torah." Each person has the power to involve all of his ten powers[17] in Torah study and also fix study sessions with others.[18]

"Sofek — doubt." Thus, it is necessary to reach out and help this "Golus-Jew" come closer to Hashem.

For the very reason a Jew is sent into Golus is to retrieve and refine the sparks of holiness which are entrapped within the nations of the world. And this means searching out a fellow Jew who has within himself the "venomous serpents, scorpions, and drought where there is no water" and help him. G-d did not send us into Golus to make us weary, but to liberate another spark of holiness, to help refine another Jew.

This service of going into the streets to bring another Jew closer to G-d is particularly significant during the "three weeks." One might think that due to the negative aspect of the three weeks, it would be best to seclude oneself in a Yeshivah or synagogue, and thereby protect oneself from all evil influences during this inauspicious time. But just the opposite is required. Only through "going out from the cloud" and reaching out to "those who are straggling behind you" can one attain a higher level. By sharing Yiddishkeit with others, one gains much more than if one makes it an exclusive experience.

And this descent of "going out" to influence another Jew will ultimately lead to much greater heights in one's own service to G-d; as "Massai" teaches us. But we must also carry out the lesson of "Mattos," remaining firm and unchanging in our own Yiddishkeit as we venture out to reach other Jews, bringing them ever-closer to Yiddishkeit.

* * *

3. As has been previously noted, this year is a Shemittah year, different from other years not only in a general sense, but to the degree that each moment of

# Shabbos P' Matos-Masei, 26 Tammuz, Mevorchim Av 5742

This is why Mattos is before Massai. Only with the fortitude of Mattos (as a leopard) can one hope to ever reach one's final destination on the journey to Yardein Yereicho.

3. The particular date upon which Shabbos Mevorchim falls this year, is the 26th of Tammuz. What is the lesson from this?

In today's portion of Tehillim we read (119:97): " how I love Your Torah, I talk of it all the day."

At the end of the portion we read (119:176): "I have gone astray like a lost sheep; seek out Your servant, for I do not forget Your mitzvos."

It is evident that two things are emphasized in today's Tehillim portion. Torah study ("how I love Your Torah") and Tzedakah (charity), which is termed simply as "mitzvah" ("for I do not forget Your mitzvos") by the Talmud Yerushalmi (see Tanya ch. 37).

The lesson for these days is clear. We must intensify our performance of these two things since they will bring the redemption as we are told (Isaiah 1:27): "Zion will be redeemed with judgment (referring to Torah) and those that return to her with Tzedakah."

Let us examine a little more closely the last verse of today's Tehillim portion. "I have gone astray like a lost sheep" refers to the exile. But we ask of G-d: "Seek out Your servant" and annul the golus. Why? Because "I do not forget Your commandments." Wouldn't it have been more appropriate to say "for I have fulfilled Your commandments?" Is it enough merely not to forget?'

Click here or scan
to download this farbrengen
10 pages

⭐ Editor's Pick
This year's קביעות!

Free Translation

some good in him. His bad behavior was only because his evil inclination overpowered him — but that does not eliminate the good that is within him.

A simple Jew knows this from his own conduct. Although every Jew is the son of the Supreme King of Kings, the Holy One, Blessed be He — which is infinitely higher than being the son of Yitzchok and Rivkah — sometimes he behaves badly. The reason? His evil inclination overpowers him. Thus, after the deed has been done and the evil inclination's temptations are no more, a Jew regrets his bad deed. The fact that he feels contrite over a deed that he did to fill his desire — shows that his *true* desire is to "perform all the mitzvos and to keep away from transgressions." Therefore, after the evil inclination's overpowering force is removed, his true desire reasserts itself, and he regrets his actions.

Undesirable actions are hence only temporary, and they are for the purpose that they should eventually be transformed into good — and, "as the superiority of light which follows (prior) darkness," this good is loftier than good which was not a result of transformation of evil.

An intelligent person, then, who sees further than the present facts, understands the *true* situation — that even now, at the time of the transgression, it will eventually be transformed into good.

When we therefore read of Eisav in the *Torah*, it is certainly a good thing. Moreover, even his misdeeds will certainly be transformed into good, for in the future, the promise, "I will remove the spirit of impurity from the land," will be fulfilled; and indeed, an even loftier level will be revealed — "as the superiority of light which follows darkness."

The same applies to the idea of "bein hametzorim": The undesirable event of

# Shabbos P' Masei, 28 Tammuz, Mevorchim Av 5744

Realizing this, a Jew, while engaging in mundane matters, will have his heart and mind concentrated on soul-matters, spiritual things, Torah and mitzvos. Then, at those times when he is freed from dealing with worldly matters, he will automatically dedicate his time to spiritual pursuits.

The same applies to the period between the 17th of Tammuz and the 9th of Av ("Bein Hametzorim"). True, G-d has blessed a Jew with success for children, life and abundant sustenance, and will surely increase in that blessing. Simultaneously, however, knowing that his true essence is the soul, he still feels the sorrow of exile — especially at this time — and therefore longs for the consolation of the redemption.

One could ask, "Why is it necessary to mention at a farbrengen that we are now in the period of 'Bein Hametzorim,' and thus sadden people? Is this the purpose of a farbrengen?" On the other hand, though, the previous Rebbe instituted that a farbrengen be held on Shabbos Mevarchim, including Shabbos Mevarchim Menachem Av — and the foremost topic for discussion should be something associated with the present time.

The resolution of this paradox is "*Menachem* Av": At this farbrengen one should speak of things which bring consolation and the abolition of the tragedies of this period — i.e., an increase in all aspects of Judaism, Torah and mitzvos, with sincere joy and a good heart.

* * *

2. Another aspect of this Shabbos is that on it we read parshas Maasei. Parshas Maasei is always read in the period of "Bein Hametzorim," close to the nine

Free Translation

Click here or scan
to download this farbrengen

11 pages

life of the individual — they are relevant to everyone.

There are those who abstain from studying Tanya and cloak their opposition in sanctity, saying, their fathers did not study Tanya so they should not and, furthermore, they have not yet reached the level where they truly "match" this study — so they study other areas of Torah. They continue to reason that if they were to fool themselves and say that they understand Tanya they would transgress the Biblical prohibition:

> Keep away from anything false, (Shmos 23:7)

and furthermore they would insult the Alter Rebbe! So, in their misguided way, they "protect" the honor of the Alter Rebbe and refuse to study Tanya!

The answer is that since in these generations:

> It is permitted and a duty to reveal this science (Chassidus), (Iggeres Hakodesh ch. 26)

and in contemporary times, even moreso, for the wellsprings have already been spread to the outside! Therefore, all of their considerations will not change the fact that every single Jew can and should study Tanya, especially since the Nasi has established that it should be studied daily by everyone. The great power of Tanya is like the natural spring water, where the state of *tumah* can be purified even with just a bit of water — so long as it covers the entire object. So, we must also learn from the Tanya section of today.

But first to Chumash.

# Shabbos P' Matos-Masei, 28 Tammuz, Mevorchim Av 5747

Throughout the centuries it has been accepted practice to send away sons to study in Yeshivos in far away places. When he is in his home town, the student may spend much time visiting home, relations, old-time friends, etc. This affects his diligence. When he is away his success is much greater.

In the case of the cities of refuge, the *Sefer HaChinuch* explains the severity of exile and its ability to expiate for the sins of accidental manslaughter:

> The suffering and pain of exile is equivalent nearly to the pain of death, for the person is separated from his loved ones and the land of his birth. *(Chinuch,* Mitzvah 410*)*

Similarly, when one goes into exile for any good reason, by being separated from his loved ones and his hometown he will see much greater success in his studies. Moreover, his desire to leave his family in order to study will give him the motivation to study diligently and with self-sacrifice.

In the case of Ahavas Yisrael and Jewish unity when one is at home his distinct individuality is clearly evident. In religious matters he has his habits and personal traits. He stands in a certain place during prayer, etc. Similarly, in worldly matters his business and activities may cause him to deal with different people and he is cool to Ahavas Yisrael and Jewish unity. When a group of Jews travel to a new place and pray together and study together and join together for meals and even go touring together, their intra-personal relationships are enhanced. There is, as well, a feeling of Ahavas Yisrael with their hosts — and also to their friends at home, whom they grow to miss — all this increases Ahavas Yisrael all around.

# Shabbos P' Matos-Masei, 26 Tammuz, Mevorchim Av 5749

and limitations which is possible even when one is physically in exile. This means that the person will pay no attention to the hardships of exile. Rather, he will carry out his service of Torah and *mitzvos* as if he was not in exile at all.[3]

A Jew's soul is totally above all concepts of exile. This applies even when the soul is enclothed within a body in this world, even when a person lives in the darkness of exile in the generation preceding *Mashiach's* coming when the darkness is greater.

Since the Jew's soul is, to quote *Tanya*, "actually a part of G-d," or to rephrase that expression, "a part of G-d that has become actual," i.e., that can be felt, it stands above all the difficulties of exile. Accordingly, when a Jew makes his soul primary and his body secondary, the powers of the soul are revealed within the body and no obstacles can keep the body in exile.

Thus, a Jew's entire life becomes a series of exoduses from Egypt, i.e., departures from boundaries and limitations. This is alluded to in the verse, "These are the journeys of the children of Israel as they left the land of Egypt." On the surface, after the first journey, they had "left the land of Egypt." The verse, nevertheless, mentions "journeys," to teach that every state, even a level of holiness, can be considered Egypt, a place of boundaries and limitations in regard to the level above it. Thus, a Jew must continually, "proceed from strength to strength," constantly progressing to higher levels in a never-ending process.

Within this process, however, there are distinctions between the extent in which some of the intermediate levels are perceived as "boundaries and limitations (Egypt)" when compared to the level above it. There are times when a person

Click here or scan
to download this farbrengen
6 pages

Free Translation

This year's קביעות!

# Shabbos P' Matos-Masei, 28 Tammuz, Mevorchim Av 5750

G-d which enables him to endure the challenges of exile without being affected.

Similarly, the *parshah* of *Masei* shares a connection to the exile. *Masei* meaning "journeys," in an extended sense can refer to all the journeys undergone by the Jews in their departure from Egypt (the place of boundaries and limitations) with the intent of reaching *Eretz Yisrael* in the Messianic era. These journeys add strength to the Jews as expressed in the exclamation, *Chazak, Chazak, Vinischazeik*.

Thus, the extended exile which is felt acutely in these Three Weeks should not bring a Jew to despair, but rather to an appreciation of the heights to which the exile will bring us. This realization should, in turn, bring about a strengthening of Torah and *mitzvos* which will lead to the Messianic redemption. This should be expressed in "spreading the wellsprings outward," extending the influence of Torah to places which by nature have no connection to it.

In particular, this should be expressed in making *siyumim*, conclusions of the study of Talmudic tractates or Torah works. These *siyumim* should be made in every place possible. May this lead to a *siyum* of the exile.

{There is a connection to the above in the beginning and the conclusion of the Talmud: The Talmud begins, "From what time may one recite the *Shema* in the evening?" "Evening" refers to exile. Within the exile there can the recitation, i.e., the revelation, of *Shema*, the Oneness of G-d and His unique connection to the Jews. This is brought about by מאימתי, which as the Maggid's son Rav Avraham explained, can also be rendered as, "Out of awe," i.e., the fear and awe of G-d.

This leads to the conclusion of the Talmud: "The School of Eliyahu [i.e., the prophet Eliyahu who will announce Mashiach's coming] taught: Whoever

Click here or scan
to download this farbrengen
7 pages

Free Translation

# **Shabbos P' Matos-Masei,** 2 Menachem-Av **5751**

1. Among the unique factors associated with this Shabbos is the conclusion of the Book of *Bamidbar* and the public pronouncement which follows, *Chazak, Chazak, Venischazaik* (“Be strong, be strong, and we will be strengthened”). This threefold repetition[1] produces a *chazakah*, a sequence associated with permanence and strength.

Significantly, the conclusion of the Book of *Bamidbar* always takes place in the Three Weeks, a period associated with exile and destruction. One might ask; Why does this always occur at a time when the Jews are weakened as it were?

It is possible to explain that the one is a result of the other. Because this is a time when the Jews are “weakened,” there is a need for encouragement and reinforcement. From the fact that the Shabbos is referred to as *Shabbos Chazak*, (“the Shabbos of reinforcement”), it would appear that there is a more intrinsic bond, that the time itself adds strength to the Jews’ observance of the Torah and its *mitzvos.*

This concept can be explained within the context of the connection of the expression *Chazak, Chazak, Venischazaik* to the *parshiyos* read this week, *Mattos* and *Maasei.* There is an obvious connection between the concept of strength and *Parshas Mattos. Mattos* means “staff,” and is a symbol of strength, permanence, and authority, as reflected in the verse, “staffs of strength for the rods of those who rule.”

*Maasei,* meaning “journeys,” seems, however, to indicate a state in direct opposition to this permanence and strength. And yet, it is *Parshas Maasei* which is always read as the last *parshah* of the Book of *Bamidbar.* In contrast, there

Click here or scan
to download this farbrengen
11 pages

Free Translation

Including
English

# Receive the "Taste" each week




**subscribe** for free **at**
**berel.me/taste/subscribe**

To receive the 'Taste' each week, visit:

taste.study/subscribe

To view and download this 'Taste' and all previous issues, visit:

taste.study